NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02001

HUMESH IN MAYSELEKH FAR KINDER

Victor Spritzer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חומש

אין מעשהלעך פאַר קינדער

באַנד 2

ויקרא
במדבר
דברים

קאָמיטעט ארויסצוגעבן און פארשפרייטן
אביגדור שפּריצערס
חומש — אין מעשהלעך פאַר קינדער

צייכענונגען
פון מישע שוואַרץ

בוענאָס איירעס 1948

ויקרא

חומש

אין מעשהלעך פאר קינדער

פון

אביגדור שפּריצער

בוענאָס איירעס ה'תש"ח

J U M O S C H

(PENTATEUCO — EN CUENTOS PARA NIÑOS)

Impreso en la Argentina — Printed in Argentine
Hecho el depósito que marca la ley
Copyright by **Victor Spritzer,** Bs. Aires, 1948
אלע רעכט פארבאהאלטן

ויקרא

ויקרא — — — — — — — — — — — — —	זייט	179
צו — — — — — — — — — — — — —	„	185
שמיני — — — — — — — — — — —	„	191
תזריע — — — — — — — — — — — —	„	197
מצורע — — — — — — — — — — — —	„	201
אחרי מות — — — — — — — — —	„	205
קדושים — — — — — — — — — — —	„	209
אמור — — — — — — — — — — — —	„	215
בהר — — — — — — — — — — — —	„	221
בחקותי — — — — — — — — — — — —	„	229

ויקרא

א. ו י ק ר א — און ער האָט גערופֿן.

גאָט האָט גערופֿן צו משהן און האָט צו אים גערעדט, לאמור — אַזוי צו זאָגן:

— רעד צו די קינדער פֿון ישׂראל, און זאָלסט צו זיי זאָגן: אַז שפּאַנען וועט מען איינשפּאַנען דעם גרויסן וואָגן — פֿון זיבן וועגעלעך, און יעדעס וועגעלע ווידער פֿון זיבן און אַזוי ווידער און ווידער אָן אַ שיעור — און מאַכן אַ שפּאַציר.

און ווער סע וועט ברענגען עפּעס צו טראָגן — צום אריינ־גאַנג פֿון אוהל־מועד זאָל ער דאָס ברענגען, צום אַריינגאַנג, צו דער טיר, און דערנאָך וועט מען מאַכן דעם שפּאַציר.

און פֿירן וועט פֿירן דער וואָגן נישט נאָר צום טייכל, צום וועלדל און שוין און געגוג, נייערט פֿירן און ווייזן אַ טייכל, א וועלדל, א בערגל, א טאָל, באַזונדער און אויף אַמאָל — וואונדער איבער וואונדער וועלן זען די גוטע קינדער! — אַזוי פֿיל שׂאָת און רינדער, שעפּסן און ציגן, אַזוי ווי די פֿליגן, און פֿאַרשידענע טויבן, די אייגענע אויגן נישט צו גלויבן.

אָבער שרעקן וועלן זיך די קינדער נישט שרעקן, נייערט פֿראַנק און פֿריי קוקן וואָס סע טוט זיך אין אַלע עקן. זיי וועלן

קוקן און שטוינען, אַזוינס בייצואוואוינען און זיי וועלן טראַכ־
טן פאַרטראַכט:

אַזוי פיל צו זען און נישט צו שלעפן זיך קיין טאָג מיט קיין נאַכט. גאָר קיין פאָרן נישט אַפילו! נישטאָ וואָס צו זאָגן אויף אַזאַ מין וואָגן, וואָס ווייזט אַזוי פיל זאַכן אויף אַמאָל און באַזונדער — וואונדער איבער וואונדער! — און אַלץ אַזוי לייכט און גרינג ווי מע צערייסט אַ שטיקל פאַפיר. גאָר קיין פאָרן נישט, בלויז עפּעס א טרעסע, א ריר, נאַ דיר גאָר אַזאַ מין שפּאַציר!

און אַלע וועלן זיין — אויף איין אָרט וועלן אַלע זיין, כאָטשע זיי וועלן האַלטן אין וואַנדערן און וואַנדערן.

און כאָטש זיי וועלן צעזייט און צעשפּרייט זיין, אויף דער גאַנצער וועלט צעזייט און צעשפּרייט, וועלן זיי זיין איינער לעבן אַנדערן.

אָבער מיינען וועלן זיי מיינען, אַז איינער פונעם אַנדערן איז ווייט, וועט זיך הערן פון פאַרשידענע זייטן שרייען און רופן. און זייער שרייען און רופן וועט ווערן דערהערט אין דער גאַנצער צייט פון זייער שפּאַציר, פון זייער וואַנדערן, וואָרום זיי וועלן זיך געפינען איינער לעבן אַנדערן אויף דעם גרויסן וואָגן.

ו י ק ר א — האָט גערופן,

גאָט האָט גערופן צו משהן און האָט צו אים גערעדט, לאמור — אַזוי צו זאָגן:

— דאָס איז נישט בלויז א שמועס צווישן מיר און דיר, נייר־ ערט רעד צו די קינדער פון ישראל, אז גרייטן זאָלן זיי זיך גרייטן צום שפּאַציר, זיי זאָלן זיין ריין און שיין און גוט, וועלן

זיי נישט וויסן פון קיין שלעכטער מינוט, פון קיין שום שלעכטס נישט, פון קיין שטראָף.

און זאָלסט זיי דערציילן מעשהלעך פון רינדער און פון שאָף, פון שעפּסן און פון ציגן, פון טורטל־טויבן און פון יונגע טויבן, און זיי צוגרייטן צום שפּאַציר. און ווער סע וועט ברענגען עפּעס צו פירן, צו טראָגן, צום אַריינגאַנג פון אוהל־מועד, זאָל ער דאָס ברענגען, צום אַריינגאַנג, צו דער טיר.

דאָרטן אויפן פייער, זאָלן די קינדער פון אהרן הכהן אָנלייגן האָלץ אויפן פייער. און אויפן האָלץ לייגן אַזאַ פּעטקייט. און דאָס דעמפן פאַר אַ געשמאַקן ריח, אַז ביז צו גאָט זאָל זיך דערטראָגן און אָנפולן דעם גרויסן וואָגן מיט דעם געשמאַקן ריח.

ב. — און אַז עמיצער וועט ברענגען חלות פון זעמל־מעל פאַרמישט מיט אייל, אָדער קוכנס באַשמירט מיט אייל, אַ שפּייז געבאַקן אין אַן אויוון אויף אַ באַקפאַן, אין אַ בראָטפאַן, איז אַ פאַן און אַ פאַן, געפּויקט און געזונגען —

וועגן זאַנגען געברענט אין פייער,
וועגן אַ גריץ פון פרישע קערנער —
וועגן אַ מעשה מיט הערנער.

ג. —און אויב פריד איז דער מיין, איז צו פאַרשטיין, אַז אַנלענען די האַנט, אַ גלעט טון, נישט צעבלוטיקן, נישט אַפילו ברענגען פאַרן מויל אַזעלכע ווערטער —

אַן אייביק געזעץ אויף דור־דורות אין אַלע ערטער.

ד. און גאָט האָט גערעדט צו משהן:

— רעד צו די קינדער פון ישראל, אזוי צו זאָגן: אַז, עמי־צער וועט דורך א פאַרזען טון אַזאַ זאַך, וואָס ס'איז נישט גוט צו טון, וואָס ס'איז נישט שיין צו טון, זאָל ער איינטונקען זיין פינגער און שפריצן זיבן מאָל, אויפצופרישן די שמעקנדיקע געווירצן. און ביים שפריצן די זיבן מאָל, זאָל ער פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל אויסרופן זיבן מאָל:

„אַליין זיך אָנגעשריבן,
צו דאַרפן רופן זיבן — —
איך וועל שוין מער אַזוינס נישט טון!
איך וועל נאָר טון וואָס שיין איז,
איך וועל נאָר טון וואָס גוט איז, —
בלויז שיינע גוטע זאַכן,
מע זאָל פון מיר נישט לאַכן!"

און מע וועט זיינע ווערטער הערן, און אים וועט פאַר־געבן ווערן.

ה. — און אַז עמיצער וועט עפּעס הערן צי זען, ער וועט וויסן עפּעס אַזוינס, וואָס סע קען צונוץ קומען, און ער וועט נישט אויסזאָגן.

אָדער אַז עמיצער וועט קומען צווישן מענטשן נישט גע־וואַשן דאָס פּנים צי די הענט — נאָר דעם קימען מיט אים אויסצוקערן.

אָדער אַז עמיצער וועט אַזוי אַרויסרעדן מיט די ליפּן, ער וועט זיך שווערן.

איז, אַז ער פאַרשולדיקט זיך אין איינער פון די דאָזיקע זאַכן, זאָל ער זיך מודה זיין, זאָל ער אויסזאָגן, און מע וועט פון אים קיין חוזק נישט מאַכן.

און אַז עמיצער וועט פעלשן א פעלשונג און ער וועט פאַרלייקענען זיין חבר אַ זאַך —

ער וועט זיך מאַכן גלייך ער האָט דערפון נישט געהערט:

אָדער ער וועט אַזוי קריוודען זיין חבר.

אָדער ער האָט געפונען אַן אבדה און פאַרלייקנט, און שווערט.

איז, אַז ער האָט זיך אַזוי פאַרשולדיקט, זאָל ער זיין חבר אלצדינג אומקערן און זיך פאַרבעסערן, אז מע זאָל וועגן אים מער אַזוינס נישט הערן,

און אים וועט פאַרגעבן ווערן.

דער הימל וועט ווערן לויטער, אָנגעזעצט מיט שטערן, און א געשמאַקער ריח פון שמעקנדיקע געווירצן וועט זיך טראָגן, און דער, וואָס האָט זיך פאַרשולדיקט, וועט אַרויף אויפן וואָגן — אין וועלכן ס׳איז פאַראַן זיבן וועגעלעך, און אין יעדן וועגעלע ווידער זיבן און אַזוי ווידער און ווידער, אָן אַ שיעור — און זיך גרייטן צום שפּאַציר, מער שוין קיינעם נישט צו שטערן —

און אים וועט פאַרגעבן ווערן.

צו

ו. צ ו — באַפעל

וואָס צו טון מיטן מעל,
ווי צו פאַרמישן מיטן אייל,
צו מאַכן א חלה, אַ קוכן,
ס'זאָל כדאַי זיין צו פאַרזוכן,
און מיטצונעמען אויפן וואָגן —

האָט גאָט גערעדט צו משהן, לאמור — אַזוי צו זאָגן:
באַפעל אהרנען און זיינע זין, ווי אַזוי יעדע זאַך צו טון.
וואָרום וויסן זאָל וויסן אהרן און זיינע זין, אז אי האָניק אי גיפט גיט א בין.

באַפעל זיי ווי אַזוי זיך צו פירן, אז זיי זאָלן זיך מיטן מעל און מיטן אייל נישט פאַרשמירן, איז, כדי צו קענען זיך רירן, זאָלן ווערן אויסגעטון די ליינענע הויזן און אָנגעטון אַנדערע קליידער, אזוי זאָל עס גיין כסדר: אויפן זעמל־מעל אַרויפגיסן אייל, און לאָזן אָנרייכערן ווירוויך — פאַר אַ געשמאַקן ריח.

און דאָס וואָס סע וועט נישט געגעסן ווערן, אין פייער זאָל עס פאַרברענט ווערן.

— און דאָס איז דער דין.
דער זין,
דער געדאַנק,
אויף שטענדיק, אויף לאַנג.

אַז ווען עמיצער גיט עפּעס, איז, אויב ער גיט עס פאַר אַ דאַנקגעבונג, מוז עס געגעסן ווערן באַלד, נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן,

כּדי דעם דאַנקגעבער נישט צו פאַרשעמען, נישט צו מאַכן אים קיין זאָרגן.

אויפנעמען זאָל מען דעם דאַנקגעבער אויפנעמען און די דאַנקגעבונג אָננעמען, און פירן און ווייזן ווי אַזוי אַלץ זעט אויס, ווי אַזוי אַלץ איז געמאַכט, געשניצט, ווי גוט צוגעקלאַפּט, ווי גלייך צוגעזעגט, און ווייזן די העקעלעך און די זעגעלעך.

און דערציילן וועגן דעם גרויסן וואָגן מיט די וועגעלער, אַזוי פיל אָן אַ שיעור, און וועגן דעם שפּאַציר.

אַז מע וועט נישט פאָרן און פאָרן, אויף צו שלעפּן זיך אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ווי עמיצער מיינט, ווי עמיצער טראַכט, נייערט אַן אַנדערער שפּאַציר וועט ווערן געמאַכט. אַזאַ שפּאַציר, וואָס מיט איין טריט, מיט איין ריר, וועט מען זיך געפינען אויף אַלע ערטער און אויף איין אָרט, אויף אַמאָל און באַזונדער — וואונדער איבער וואונדער!

און נאָך זאָל מען דעם דאַנקגעבער דערציילן און ווייזן, אויפנעמען און אריינגעמען צווישן די קינדער.

דאָס איז דער דין,
דער זין,

דער געדאנק:
נישט צוריקצואוואַרפֿן קיין דאַנק.

אַזוי איז משכן באַפֿוילן געוואָרן פֿון פֿריער, פֿון לאַנג, ווען גאָט האָט באַפֿוילן משכן אויפֿן באַרג סיני,
אין מדבר סיני.

ה. און גרייט צום שפּאַנען איז שוין געשטאַנען דער גרויסער וואָגן מיט די קלײנע און קלענערע וועגעלעך אָן אַ שיעור, גרייט צום שפּאַציר.
אַלצדינג איז שוין טאַקע געווען גרייט, אַז נעמען ווי סע שטייט און גייט און איינשפּאַנען, איז אַ שפּאַציר מיט איין מאַך. אָבער נעמען און כאַפּן איז נישט קיין קלוגע זאַך.
האָט מען קלערן גענומען איבערקלערן וואָס סע קען דערפֿון ווערן.
און זען האָט מען דערזען, אַז ס'איז דאָ אַ צעשטערער —

איינער און מער,
עמלק צי ווער.
זאָגן מיר אַז ער,
דער איינער צעשטערער —
עמלק —

האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ קוימענקערער, און ער איז אַרומגעקראָכן אין גרויסן וואָגן, פֿון איין וועגעלע אין צווייטן, אַזוי אין אַ סך וועגעלעך, און ער האָט זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען, אין די עקן, כדי די קינדער איבערצושרעקן. ווען

ער וועט דערזען, אז די קינדער זענען שוין דאָ, וועט ער אַרויס־שטעלן א פּאָר נאַרישע אויגן און אונטערשפּרינגען און מאכן: „באָ־אָ־אָ":

האָט מען קלערן גענומען איבערקלערן וואָס סע קען דערפון ווערן. איז, דאָס ערשטע, צוצוגרייטן די קינדער, אַז זיי זאָלן זיך נישט איבערשרעקן.

און ווען עמיצער וועט פּרוואוון איבער זיי שאַלטן און וואַלטן, זאָלן זיי קענען אויסהאַלטן:

זיי זאָלן זיין אַזוי גוט און זיי זאָלן אַזוי פיל וויסן, אז מע זאָל זיי קוקן אין מויל אַריין — ביי יעדן ביסן — צו לערנען פון זייַ וויסן.

איז, אָנהייבן זאָל זיך אָנהייבן די צוגרייטונג, און זאָל גע־דויערן אַ טאָג, אַ וואָך, צי מערער — ביז זיי וועלן ווערן צוגע־גרייט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אַ קערער — מיט עמלקן, וואָס האָט געבראָכן דעם קאַרק, נאָך דערמאָלט דאָרטן אויפן באַרג.

האָט גאָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:

— נעם מיט מיט דיר אהרנען און זיינע זין, און די גאַנצע עדה זאמל איין צום אריינגאנג פון אוהל־מועד, און טו ווי איך האָב דיר באַפוילן און פאַרטרויט.

האָט משה גענומען און אָנגעגרייט ברויט, אז זיי זאָלן נישט וויסן פון קיין נויט, אין די אַלע טעג ביז זיי וועלן זיך לאָזן אין וועג.

און די עדה האָט זיך איינגעזאמלט צום אַריינגאַנג פון אוהל־מועד, און משה האָט געזאָגט צו דער עדה:

— דאָס איז די זאַך, וואָס גאָט האָט באַפוילן צו טון —

איידער מע מאַכט דעם שפּאַציר, צוצוגרייטן, אַז אַלץ זאָל זיין שיין און ריין און מע זאָל האָבן צו עסן און צו נאַשן.

און משה האָט געמאַכט גענענען אהרנען און זיינע זין, און ער האָט מיט וואַסער זיי געוואַשן, און ער האָט געזאָגט צו זיי:

— איר זאָלט קיינמאָל נישט וויסן פון קיין ווי. און אין דעם אַריינגאַנג פון אוהל־מועד זאָלט איר בלייבן טאָג און נאַכט זיבן טעג, כדי זיך צוצוגרייטן, אַז איר זאָלט נישט אַראָפּ פון גלייכן וועג.

משה רעדט צו דער עדה
ביים אריינגאנג פון אוהל-מועד

שמיני

ט. ש מ י נ י — דער אַכטער.

ווי סע זענען אַוועק די זיבן טעג און ס'האָט אָנגערוקט דער אַכטער טאָג, האָט משה אַ פאַרטראַכטער געטראַכט וועגן זיין זאָג:

אַז די צוגרייטונג צום וועג דאַרף געדויערן זיבן טעג. און ווען סע זענען שוין אַוועק די זיבן און ס'איז געקומען דער אַכטער, איז נישט קיין צייט צו זיצן אַ פאַרטראַכטער.

האָט משה גערופן אהרנען און זיינע זין און די עלצטע פון ישראל, סע זאָל גענענען די גאַנצע עדה, צו זען אַ שיינ־קייט, די שיינקייט פון דער וועלט. און די גאַנצע עדה האָט גענענט און זיך געשטעלט, צו זען די פראַכט, וואָס די וועלט פאַרמאָגט.

און משה האָט געזאָגט:

— טון זאָלט איר טון וואָס איך בין באַפוילן געוואָרן. איר זאָלט היטן די געבאָט, וועט מיט אייך זיין די פראַכט פון גאָט.

זענען אַלע געווען ווי איין מאַן: איינער אָן דעם אַנדערן האָט נישט געטון קיין שפּאַן, איינער פונעם אַנדערן האָט קיין בייז נישט געטראַכט

און קיין חוזק נישט געמאַכט,
קיין בייז נישט גערעדט,
נאָר געהאַלדזט זיך, געגלעט,

און האָבן זיך צוגעהערט צו אַלץ, וואָס משה האָט צו זיי גערעדט.

און משה און אהרן, זיי ביידע, האָבן זיך אַזוי צוגעקוקט צו דער גאַנצער עדה, און זענען אַריינגעגאַנגען אין אוהל־מועד, און זענען אַרויסגעגאַנגען פון אוהל־מועד, איינער מיט אַזאַ טאָפּ און איינער מיט אַזאַ פּאַן, צו שפּילן, צו באַזינגען און בענטשן דאָס פאָלק ישראל, וואָס האַלט זיך ווי איין מאַן.

און געבענטשט איז געווען דאָס פאָלק — די פּראַכט פון גאָט איז געווען אין פאָלק.

און א פייער איז אַרויסגעגאַנגען.

און ווי דאָס פאָלק האָט דאָס דערזען, האָבן זיי אויסגעשריגן און זיי זענען פאַר שרעק, געפאַלן אויפן פּנים.

און ס'האָט געטראָפן א מעשה מיט צוויי בנים — אהרן הכהנס זין זענען געווען די צוויי בנים.

י. די זין פון אהרנען, נדב און אביהוא, זענען געשטאַנען גלייך מיט אַלע און האָבן געהערט ווי משה האָט גערעדט און אויך זייער פאָטער אהרן, אָבער זיי האָבן געמיינט, אז מע וויל זיי עפּעס פאַרנאַרן.

האָבן זיי די רייד געהערט און ביי זיך עפּעס אַנדערש געקלערט:

אַז ווען די קינדער האָבן געוואָלט א שפּילעכל, האָט מען זיי געגעבן א קליינטשיק מילעכל.

מע האָט אויך צוליב געטון די קינדער און מע האָט זיי געגעבן פרעהס צעקנייטשטן צילינדער.
און דאָס מילעכל איז נישט געווען גלאַט א מילעכל, און דער צעקנייטשטער צילינדער איז נישט געווען גלאַט א צי־לינדער, נייערט אַזוינס און אַזאַס, אַז רעדעווריק האָט געקענט ווערן א שטומער, און זעעוודיק — א בלינדער,
אַזוי האָט מען דערציילט די קינדער.
און משה האָט זיינע רייד געמערט און נדב און אביהוא האָבן זיך זייערס געקלערט:
אַז ווי הייסט עפּעס, דערשרעקן זיך און אַנטלויפן פון פייער און פון וואַסער? ווי הייסט עפּעס, מורא צו האָבן טאָמער וועט מען זיך דערהיצן, טאָמער וועט מען זיך פאַרקילן?
הער נאָר גאָר אַזעלכע רייד, אַז „מיט פייער טאָר מען זיך נישט שפּילן".
א שפּיל אין פייער איז דאָך אַזוי שיין, אַזוי טייער!
ווען דאָס פייער ברענט און פלאַקערט, איז אַריינגעוואָרפן וואָס מע טרעפט, וואָס מע פאַקט, און דאָס פייער פלאַקערט און קנאַקט.
אַך, ווי סע זעצט אַרויס אַזוינע פלאַמען! מע זאָל נאָר נישט אונטערשיקן דעם טאַטן צי די מאַמען!
האָבן זיי, נדב און אביהוא, גענומען איטלעכער א פייער־פאַן, און האָבן אַריינגעלייגט פייער, און אַרויפגעטון דער־רויף ווייררויך — דעמפן פאַר א געשמאַקן ריח — האָט זיך צע־פלאַקערט און ס'איז אַרויס אַ פייער און,

אַז נישט געהיט,
איז אָפּגעברים.

האָט משה געזאָגט, אַז די ברידער, דאָס גאַנצע הויז פון ישראל, זאָלן באַוויינען די פאַרברענונג, וואָס דאָס פייער האָט פאַרברענט.

האָט דאָס פאָלק פאַרבראָכן מיט די הענט. און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום די ווענט און א געוויין, א ביטער געוויין האָט באַגאָסן זייער פּנים.

און זיי האָבן באַוויינט און באַקלאָגט די מעשה מיט די צוויי בנים, וואָס ביז דעמאָלט האָט מען אַזוינס נאָך נישט געהערט, ביז דעמאָלט איז נאָך אַזוינס נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

און זיי האָבן משהס רייד געמאָסטן און געוואויגן, און וואָס זיי האָבן געטון, איז וואוילגעפעלן אין זיינע אויגן.

יא. און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אהרנען, זיי אַזוי צו זאָגן:

— רעדט צו די קינדער פון ישראל, אַז זיי זאָלן שוין געדענקען אויף אַלע מאָל, דאָס וואָס יענע האָבן זיך אָפּגעבריט, און זיי זאָלן שוין וויסן זיך צו היטן אַזוי, אַז ס'זאָל זיין געהיט.

און רעדן זאָלט איר צו זיי רעדן און זיי מאַכן געניט, אַז זיי זאָלן וויסן ווי אַזוי זיך אויפצופירן:

וואָס ס'איז גוט צום עסן, און וואָס ס'איז שלעכט אפילו אָנצורירן.

וואָס ס'איז אומריין און וואָס ס'איז ריין,
זיי זאָלן אַלץ וויסן און פאַרשטיין.
איז, לערנען זאָלט איר זיי לערנען
פון אַלע בהמות וואָס אויף דער ערד,

און פון אַלץ, וואָס אין וואַסער.
און פון פויגלען,
און פון געפליגלטע ווידמענונג, וואָס גייט אויף אלע פיר.
פון אַלץ און פון אַלץ, כדי זיי זאָלן וויסן ווי אַזוי זיך צו באַ־
גיין באַם שפּאַציר.
סע זאָל זיי גרינג זיין צו וואַנדערן, אין דעם גרויסן וואָגן,
פון איין וועגעלע אין אַנדערן.
אַז זיי זאָלן זיך פאַרשטיין אויף אַלץ און אלעמען, און
וויסן אָפּצושיידן צווישן אומריינעם און ריינעם —
אז זיי זאָלן
און זאָלן
נישט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם.

תזריע

יב. און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַז ער זאָל רעדן צו די
בני ישראל — לאמור — אַזוי צו זאָגן:

אז ווען זיי וועלן שוין האַלטן אין אַריינגיין אין וואָגן צו מאַכן דעם שפּאַציר, זאָלן זיי צום ערשטן אומגיין פון טיר צו טיר און זיך גוט אַרומקוקן צי ס'איז נישט עמיצער איבערגעבליבן אין דער וואוינונג.

און ס'וועט זיין, אַז זיי וועלן וואו אַריינקומען און עפּעס א קוויטשעדיק קולעכל דערהערן, זאָלן זיי נישט דערשראָקן ווערן. וואָרום טרעפן קען זיך דאָך טרעפן, אז זיי זאָלן זיך דערשרעקן און אַנטלויפן — אין די גאַסן, אין די הויפן —, וואו די אויגן וועלן זיי טראָגן, זאָל מען זיי אַזוי אָנזאָגן:

אַז שרעקן איז נישטאָ זיך פאַרוואָס צו שרעקן, און זיי זאָלן אַריינגיין אין דער וואוינונג פראַנק און פריי. און ס'וועט זיין, אַז זיי וועלן אַזאַ קוויטשעדיק קולעכל דערהערן, זאָלן זיי אויפעפענען די אויגן און נישט זיין בלינד, וועלן זיי דערזען, אַז אין דער וואוינונג געפינט זיך א קינד. א קליין שיין קינד, וואָס איז נאָר וואָס אויף דער וועלט געקומען, און שיעור-

שיעור וואָלטן זיי געווען אַוועק אויף שפּאַציר און דאָס קליינע שיינע קינד נישט מיטגענומען.

און דערפאַר וואָס זיי וועלן איצט זיך נישט פאַרזינדיקן ווייזן קיינעם נישט איבערצולאָזן אין דער וואוינונג, וועלן זיי האָבן א גוט באַלוינונג:

ס׳וועט ווערן לעבעדיק און מונטער, און די קינדער וועלן זיך פרייען ווער ס׳איז געזונטער. אַזוי זיך שפּילן און דערביי זינגען. און איינס וועט זיך פאַרפלאָנטערן מיטן צינגעלע:

„די מאַמע האָט דערטויפט א יינדעלע!"

און א צווייטס וועט אונטערטאַנצן און זיך דרייען ווי א דריידעלע:

„די מאַמע האָט געקויפט א מיידעלע!"
און א דריטער און פערטער,
וועט אַ יעדעס אויף די ערטער:

— א יינגעלע געקויפט, געבראַכט!
— א מיידעלע, וואָס קוקט און לאַכט!

— א יינגעלע, אַ קליינס!
— א מיידעלע, אַ שיינס!

און ס׳וועט האלטן ערשט ביים אָנהייב, ביי איינס, וואָרום פוצן און וואשן וועט מען ערשט דאָס קינד באַדאַרפן, אז סע זאָל זיין א ריינס, מע זאָל קענען דערמיט שפּאַצירן. איז, אָט ווי אזוי מע זאָל זיך פירן:

אשה — א פרוי
כי — אַז

ת ז ר י ע — זי וועט ברענגען א קינד אויף דער וועלט,
וועט זי דאָך אָפּהיטן דאָס קליינטשיקע, דאָס פּיצעלע, און
נישט גיין אין ערגעץ נישט. איז, ביז זי וועט נישט קענען אָנ־
טון דעם פּיצעלע, אויפן קעפּעלע א מיצעלע, זאָל מען ווארטן
אויף איר מיט דעם שפּאַציר.

יג. און אויב די קינדער וועלן זיך פאַרגעסן אין זייער שפּיל,
אַז סע וועט שוין זיין צופיל. זיי וועלן זיך פּרואוון ווער
ס'איז געזונטער און זיי וועלן שוין ווערן גאָר אַנדערש ווי
מונטער:
סע וועט נישט זיין קיין שפּילעכץ, נייערט א גרילעכץ, א
דילעכץ, א געשלעג, וואָס קען מאַכן א געשווילעכץ —
אויב אַזוי, זאָלן די קינדער עס וויסן פון פאָראויס. אז מיטן
שפּאַציר וועט דערווייל ווערן אויס. און סע קען נאָך זיין, אז
מע זאָל אים נאָך דאַרפן פאַרהאַלטן אין הויז, ביז סע זאָל נע־
מען א סוף און אַן עק, ביז אויף דער הויט פון זיין לייב זאָל
אָפּגיין דאָס געשווילעכץ, אַז סע זאָל נישט זיין קיין צייכן, קיין
פלעק. וואָרום צו דעם וואָס איז נישט ריין, וויל קיינער נישט
צוגיין, ווייל מע רופט אים מצורע, האָט מען פאַר זיין אומ־
ריינקייט מורא.

מצורע

יד. מ צ ו ר ע — אַט אַ דער, וועגן וועמען סע גייט זיך אַן א געוויין, ווייל ער איז נישט ריין, און מע רופט אים מ צ ו ר ע , — אַט אַ דער זאָל זיך נישט שרעקן, נישט האָבן קיין מורא. ער וועט נאָך זיין אַ וואויל יינגעלע, ווי אַלע, און לערנען תורה.

ער וועט וועלן זיין מיט אַלע גלייך, וועט ער זיך לאָזן פירן צום טייך, און זיך לאָזן שווענקען און וואַשן און אונטערטונקען דאָס קעפּעלע און זיך לאָזן צוואָגן, וועט מע אים אַרויפלאָזן אויפן וואָגן, אויפן גרויסן וואָגן, וואָס האָט אין זיך קליינע וועגעלעך, קליינע און קלענערע אָן אַ צאָל און אָן אַ שיעור, צו מאַכן דעם שפּאַציר.

און מיטנעמען וועט מען מיטנעמען אַלע — מע וועט אומגיין פון טיר צו טיר, אַז מע זאָל קיינעם נישט האָבן פאַרגעסן. און מע וועט טיילן אַ יעדן צו טרינקען און צו עסן, אַז קיינער זאָל נישט וויסן פון קיין נויט. וועלן די באַקן זיין שיין און רויט ביי אַלע גלייך, צוזאַמען מיט דעם, וואָס איז געוועזן ביים טייך און זיך געלאָזט צוואָגן. און אַלע וועלן אַרויף אויפן וואָגן.

און שרעקן וועלן זיי זיך שוין נישט שרעקן פאַר יענעם, צי פאַר מערער — פאַר דעם, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קוימענקערער — וואָרום זיי וועלן שוין אַלע צוזאַמען, מיט טאַטע־מאַמען, אפילו דאָס קליינטשיקע, דאָס פּיצל, וואָס מע האָט עס שוין אָנגעטון אויפן קעפּל אַ מיצל — וועלן שוין אַלע פאַרשטיין, אַז דאָס איז נאָר אַזאַ שפּיצל. און אַ טרעסע, אַ ריר, וועט זיך שוין אָנהייבן דער שפּאַציר.

און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אהרנען אַזוי צו זאָגן:

— אַז איר וועט קומען אין לאַנד כנען, וואָס איך גיב אייך, זאָלט איר נישט קאַרגן פון אַלץ, וואָס איר וועט פאַרמאָגן, אָבי זיך אויסצוהיטן פון פאַרשידענע אומריינקייטן, פון פאַרשידענע פּלאָגן.

טו. — איז, טון זאָלט איר טון אַזוי — אַז כדי איינער זאָל דעם אַנדערן קיין שלעכט וואָרט נישט זאָגן, וועגן דעם ווי אַזוי מע דאַרף קומען אין משכן, אין רואונג, — זאָל איטלעכער וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, אַז ער זאָל זיין שיין און ס'זאָל זיין ריין זיין יעטוועדע טואונג, כדי נישט צו פאַראומריייניקן מיין משכן, מיין רואונג.



ווי מע וואשט זיך בים טייך

אחרי מות

טז. א ח ר י מ ו ת — נאָך דעם טויט,

נאָך יענער מעשה מיט אהרנס צוויי זין, וואָס האָבן גע־נענט אַהין און זיך אָפּגעבריט

פייער־רויט,
ביז צום טויט
און אויס,
נאָך דעם טויט — א ח ר י מ ו ת,
האָט משה געהערט פון גאָט, געבאָט אויף געבאָט.

רעד צו דיין ברודער אהרן, אַז ער זאָל וויסן ווען און ווי אַזוי אַריינצוגיין און צוצוגיין צום אָרון, כּדי ער זאָל נישט מיאוס פאַרן:

ער זאָל נישט אויסגיין פון דערשרעק פאַרן וואָלקן, וואָס איבער דער דעק.

וואָרום ווייזן וועט זיך באַווייזן די שיינקייט פון דער וועלט,
די פּראַכט פון גאָט — כאָטש ווי מיט אַ וואָלקן פאַרצויגן —
אַז פון איין קוק נאָר קען מען בלינד ווערן אויף ביידע אויגן.

איז, כּדי סע זאָל אים קיין שלעכטס נישט געשען און ער

זאָל קענען זען וואָס סע טוט זיך אויבן, זאָל ער צוזאָגן וועגן זיך און וועגן זיין הויז־געזינט און וועגן אַלע:

אַז מיינען ווערט נישט געמיינט צו כאַפּן און פאַרשפּאַרן די טויבן, נייערט צו זען ווי שיין זיי פליען אויבן.

און דערנאָכדעם זאָל ער זיך מיט אַ ליינענער הויב באַ־הויבן, סע זאָל זיך אים נישט פאַרדרייען דער קאָפּ ביים קוקן אויף די טויבן, און ער זאָל זיך אַ רוק טון אַ קוק טון.

און דער וואָס וועט נאָך איין מאָל אַ קוק טון בלינד ווערן, וועט נאָכן צווייטן מאָל אַ קוק טון זעעוודיק ווערן — אויב מיינען ער האָט נישט געטון מיינען צו טון אַ קלאַפּ, אַ זעץ, פאַרשפּרייטן פאַר די טויבן אַ נעץ.

און דאָס זאָל אייך זיין צום אייביקן געזעץ, פאַר קיינעם נישט צו פאַרשפּרייטן קיין נעץ —

נישט פאַרן נאַרישן, נישט פאַרן וואוילן —

נייערט זען מיט גוטן צו פועלן.

און ס'איז געטון געוואָרן אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַ־פוילן.

יז. — און יעטוועדער פון דעם הויז פון ישראל, וואָס וועט זיך פאַרגעסן אַמאָל און ער וועט, קוקנדיק אַרויף אויבן, אַ נאַרישקייט גלויבן:

אַז סע זענען גאָרנישט קיין טויבן, נייערט עפּעס שדים, רוחות, — האָט ער פאַרגעסן וואָס סע שטייט אין די לוחות!

אָדער זיין פאַרשטאַנד איז אים געוואָרן גערירט!

און אויף ווייטער זאָל ער וויסן מער זיך אַזוי נישט צו פירן, ווי ער האָט זיך געפירט — צו טראַכטן וועגן שדים און רוחות,

— נייערט אָפּהיטן וואָס סע שטייט אין די לוחות.

און אויב אַזוי! וועלן די טויבן פון אויבן באַגלייטן אין שפּאַציר,

און פון איינעם צום אַנדערן גוטע בשורות טראָגן,

אין דעם גרויסן וואָגן, וואָס וועט ווייזן אַלץ אינאייינעם און באַזונדער — וואונדער איבער וואונדער — און מיט איין מאַך, מיט איין דריי באַהיטן און באַשיצן פון יעדן ווי.

יח. — און רעד צו די בני־ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

טון זאָלט איר נישט טון אַזוי ווי די מעשים פון לאַנד מצרים, וואָס איר זענט דערינען געזעסן, און נישט אַזוי ווי די מעשים פון לאַנד כנען.

נייערט אַלץ וואָס ס'איז גוט און פיין.

איז, כדי אָפּהיטן זאָלט איר אָפּהיטן סיי זיך און סיי וועמען,

זאָלט איר טראַכטן, צו ערן און אַכטן, און נישט צו פאַר־שעמען קיין שום נעמען

נישט פון דיין פאָטער,

נישט פון דיין מוטער

נישט פון דיין שוועסטער.

פאַרשעמען זאָל נישט פאַרשעמען קיינער און קיינעם נישט, סיי דער קלענסטער, סיי דער גרעסטער.

און זאָלסט אַלעמאָל וועלן זיין דער בעסטער!

און איר זאָלט היטן מיין היטונג, נישט צו טון קיין שום אומווערדיקע זאַכן, וועט איר אין לאַנד זיין זיכער —

דאָס לעבן וועט זיך אייך באַנייען, און פון אַלע נויט באַ־פרייען, און דאָס לאַנד וועט אייך קיינמאָל נישט אויסשפּייען.

קדושים

יט. און משהן איז געוואָרן קלאָר, וואָס ס'איז ליגן און וואָס ס'איז וואָר. וואָס ס'איז גוט און וואָס ס'איז שלעכט.

צו געבן די קינדער צו פאַרשטיין, אז זיי זאָלן באַנעמען און סע זאָל פאַר זיי זיין רעכט.

צו רעדן צו דער גאַנצער עדה פון די בני ישראל, אז זיי זאָלן זיך נישט פירן ווי דאָס לאַנד מצרים, וואו זיי זענען געווען און נישט ווי דאָס לאַנד כנען, וואוהין מע ברענגט זיי אַריין.

וואָרום וועגן דעם לאַנד מצרים און וועגן דעם לאַנד כנען, האָט מען זיך אָנדערציילט אזוינע זאכן — גאָרנישט פיין!

מע האָט דערציילט, וועגן איינעם א קליינעם, א מיאוסן, ווי א מיאוסער שוואַרצער קאָטער,

אַז ער האָט נישט געהאַט קיין אָפּשיי פאַר זיין מוטער, פאַר זיין פאָטער.

און נישט ער האָט גערוט, און נישט ער האָט געוואוסט וואָס ער טוט: אָנשטאָט צו לערנען, און וויסן ווי מיט לייטן זיך צו זעצן,

האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט געגאָסענע געטערלעך, מיט געצן.

און מיט א צווייטן איז געווען אַ מעשה, נאָך שניט־צייט, איז עס געווען, ער האָט דערענדיקט שניידן און גענומען אַליין אלע זאנגען אויפקלייבן, און יעדן פרעמדן אָוועקטרייבן.

דער פרעמדער האָט געוואָלט שטילן זיך דעם הונגער, און ס'האָט נישט געהאָלפן זיין בעטן —

יענער האָט אים נישט געלאָזט אפילו די שוועל איבער־טרעטן.

געמאַכט זיך, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט, געלייקנט שטיין און ביין.

ליגן געזאָגט.

זיך געשוואוירן.

אַזוי האָט ער זיין חבר פיינט געהאַט.

ער האָט נישט געלערנט, ער האָט נישט געקענט פאַר־שטיין, אַז

מע דאַרף ליב האָבן דעם חבר אזוי ווי זיך אַליין.

און וועגן א דריטן ווידער איז ארומגעגאנגען אַזאַ מעשה:

ער האָט זיך באַרימט, אַז ער קען מאַכן, וואָס אים גלוסט זיך.

אויב ער וויל, ווערט פון דער גאַנצער וועלט איין גרויסער דיל.

און גרינג, ווי ס'איז אויפצוהייבן א פעדער, מאַכט ער פון דעם דיל צוויי רעדער.

און ס'איז גענוג, אז ער זאָל נאָר א זאָג טון און די צוויי רע־דער פון די צוויי האַלבע דילן זאָלן ווערן א פּאָר ברילן, וואָס

מיט איין בלאָז פליען זיי אַליין אַרויף אויף זיין נאָז.

און ווייל ער ווידער צוריק, נעמט ער ווי אַ האָז שפּרינגען אויפן גראָז. פאַלן אַראָפּ די ברילן פון זיין נאָז. די ברילן פון די צוויי האַלבע דילן, פון דעם גרויסן דיל, וואָס איז געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט.

און ווער ברילן? וואָס דילן? אַז ער וויל איז אויס דיל און צוריק וועלט — און אַ יעדן צוויי פייגן אַרויסגעשטעלט.

און וואָרזאָגן, טרעפן, וואָס שפּעטער, מאָרגן וועט געשען. צויבערן און וואָרזאָגן, און נאָך און נאָך מיאוסע און נאַרישע זאַכן האָט מען זיך אָנגערצייילט וועגן דעם לאַנד מצרים און וועגן דעם לאַנד כנען.

האָט משה באַנומען, וואָס ער האָט צו זאָגן צו די בני ישראל איידער ער ברענגט זיי אין לאַנד אריין.

— ק ד ו ש י ם — הייליקע,

הייליק זאָלט איר זיין, גוט זאָלט איר זיין,

האָבן זאָלט איר אָפּשיי פאַר מוטער און פאָטער. און אין די שבתים נישט ארומיאָגן, ווי דער ווינט זיך אַרומטראָגן, נייערט מיט טאַטע־מאַמע צום טיש זיך זעצן.

און נישט מאַכן אייך קיין געגאָסענע געטער, נישט זיך אָפּגעבן מיט קיין געצן.

דיין פעלד, דיין גאָרטן און דיין געצעלט זאָל זיין אָפן פאַר יעדן.

שווערן זיך,
ליגן זאָגן,
פאַרלייקענען —
אַזעלכע רייד זאָלט איר נישט רעדן.

זאָלסט נישט דריקן דיין חבר,
און נישט קרום רעדן צו א טויבן,
און פאַר א בלינדן זאָלסטו די ליכט נישט רויבן.

דיין האַרץ זאָל זיין אָפן,
זאָלסט ליב האָבן דיין חבר אזוי ווי זיך אַליין.

און אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד זאָל זיך אין אייער קאָפּ קיין נאַרישער געדאַנק נישט אָנטראָגן —
וועגן צויבערן און וואָרזאָגן,
וועגן גייסטער און רוחות,
נייערט היטן און טון ווי אזוי סע שטייט אין די לוחות.
און א פרעמדן זאָלסטו נישט קריוודען, זאָלסט אים ליב האָבן אַזוי ווי זיך אַליין, פרעמדע זענט איר געווען אין לאַנד מצרים, דאַרפט איר שוין — וואָס פרעמד הייסט, פאַרשטיין.

כ. און איר זאָלט היטן די געזעצן, אַז דאָס לאַנד וואָס איר וועט קומען אַהין, דרינען זיך צו באַזעצן, זאָל אייך נישט אויסשפּייען, נייערט אייער לעבן באַנייען.
און איר וועט באַאַרבעטן דאָס לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, איר וועט האָבן אַלץ, וואָס איר וועט באַדאַרפן.
טאָמער אָבער וועט זיך איינער מיטן אַנדערן וואַרפן, שווערדן שאַרפן —
זאָלן זיי וויסן, אַז אַזוינע וועט מען מיט שטיינדלעך און מיט שטעכעדיקע בערעלעך באַוואַרפן.

א שפּיל אזא אין מלחמה

אמור

כא. — א מ ו ר — זאָג,
אַז קומען וועט א טאָג —

זענען געווען די רייד פון גאָט צו משהן, אז ער זאָל רעדן צו די זין פון אהרנען, און זאָל זיי זאָגן אַזאַ מין זאָג:

אויב קומען וועט א טאָג,
וואָס טרעפן וועט אַ קלאָג:

אַז ווער פון פאָלק
וועט וואו אוועק,

אויף יענער זייט,
אויף יענעם עק,
אויף אייביק שוין אַוועק —

זאָלן זיי זיך נישט אָנטון אויף זייערע קעפּ קיין זעק, וואָרום אָפּגעהיטן דאַרפן זיי אָפּגעהיטן זיין קיינעם נישט טרויעריק צו מאַכן, כדי צו פאַרזיסן די טעג פון די וואָס לעבן, זיי זאָלן שוין מער נישט וויסן פון קיין „אוי“.

און וויסן זאָלן וויסן, סיי מאַן און סיי פרוי, אז אַזוי און אַזוי:

אויף שטענדיק, אויף יעדער צייט, נישט צו זיין פאַרשייט,
נייערט ריין און ציכטיק יעדער שפּאַן —

פון מאַן צו פרוי,
פון פרוי צו מאַן.

ריין און ציכטיק,
און וואָס וויכטיק:
יעדע זאַך באַקלער, באַרעכן.

און אַז טרעפן וועט זיך טרעפן, אַז עמיצער וועט די ריינ־קייט פאַרשוועכן,
זאָל מען אָנלייגן א פייער און אויסרופן שטאַרק הויך:
אַז דער דאָזיקער מענטש איז געגליכן צו דעם פייער,
וואָס ברענט און ברענט און גייט אַוועק מיטן רויך.
און משה האָט געגעבן צו פאַרשטיין וואָס סע מיינט נישט צו זיין פאַרשייט, און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס מיינט אַז דאָס באַטייט —
צו זיין פיינע לייט.
און ער האָט געגעבן צו דערקלערן מיט א מעשהלע, מיט א משל, פון אמאָל.
און ער האָט גערעדט צו אהרנען, און צו זיינע זין, און צו אַלע בני ישראל.

כב. א מ ו ר — זאָג,
דאָס וואָס איך פאַרטראַג —
האָט משה פאַרנומען, ל א מ ו ר — אזוי צו זאָגן:

אַז פֿאַרטראָגן זאָל פֿאַרטראָגן איינער דעם אַנדערן, און זיי זאָלן זיך גיין ביי דער האַנט,
נישט צו טשעפּען קיין פֿליג אויף דער וואַנט!
און צעשיידן זאָל נישט צעשיידט ווערן קיין מוטער פֿון די קינדער, און נישט פֿאַרקערט, נאָר הערט:
אַז סע וועט געבוירן ווערן א רינד, אָדער א שעפּס, אָדער א ציג, זאָל מען זיי זיבן טעג נישט אַוועקנעמען פֿון דער מוטער —
אָט וואָס סע הייסט זיין א גוטער,
אָט וואָס סע דאַרף וויסן פֿון א דערוואַקסענעם ביז א קינד:
נישט צו טשעפּען פֿון א מענטש ביז א רינד.
און דו זאָלסט וויסן, אַז דו ביסט שוין נישט מער קיין קנעכט, נייערט א מענטש א פֿרייער.
דו ביסט שוין נישט מער קיין קנעכט, דו ביסט שוין אַרויס פֿון מצרים.

כג. און בלויז אין אַרבעטס־צייט אַרבעטן, אָבער אין רו־צייט רוען א רואונג, פֿריי פֿון יעדער טואונג.
אַזוי דו, און אַלע ווי דו, זאָלן היטן און האַלטן די צייט פֿון רו, אין אַלע אייערע וואוינערטער, אויף נאָענט און ווייט.
און געיום־טובֿט זאָלן געיום־טובֿט ווערן אַלע יום־טובֿים, אין זייער באַשטימטער צייט.
אַז פֿרייען זאָלן זיך פֿרייען אַלע בייננאַנד, אין גאַנצן לאַנד, גליק און פֿרייד אָן א שיעור. אַז געטאַנצט זאָל געטאַנצט ווערן טאַנץ אויף טאַנץ, און געזונגען זאָל געזונגען ווערן שיר אויף שיר.

און געדענקען זאָל געדענקען ווערן דער גאַנצער שפּאַ־ציר, מיט זיין יעדן טרעסע, מיט זיין יעדן ריר.

סע זאָל בלייבן אויף יאָרן איינגעקריצט אין זכרון דאָס גאַנצע פאָרן, דער שפּאַציר, וואָס מע וועט באַלד מאַכן, מיט אַלע זאַכן, אַז סע זאָל נישט זיין צו קיין בושה, צו קיין שאַנד.

דאָס מיינט, אַז איר וועט שוין קומען אין דעם לאַנד, און איר וועט שניידן דעם שניט פון אייער לאַנד,

זאָלסטו נישט אָפּשניידן דאָס גאַנצע פעלד, און נישט פאַרכאַפּן איינגאַנצן —

אַליין שטעלט מען זיך נישט טאַנצן!

דו זאָלסט קיינעם נישט פאַר קיין פרעמדן באַטראַכטן, נייערט יעדן ערן און אַכטן.

סע זאָל גאָרנישט פעלן קיינעם.

אַז יום־טובן, זאָלן יום־טובן אַלע אינאיינעם.

און משה האָט אָנגעזאָגט די בני־ישראל וועגן די יום־טובים:

אַז זיי זאָלן נישט מאַכן קיין אונטערשיד פון פרעמדע ביז אייגענע, פון ווייטע ביז קרובים.

כד. און ס'האָט נאָך נישט געהאַלטן ביים שפּאַציר, נאָך פריִ־ער, האָט זיך ווי אָנגעצונדן א פייער —

און שוין גאָרנישט קיין פאַלש פייער:

אַ זון פון א פרוי, וואָס איר נאָמען איז געווען שולמית און א מאַן פון ישראל האָבן זיך געקריגט —

און אַז געקריגט, קען נישט זיין געזיגט.

האָט זיך דער זון פון שולמית צו פיל געקליגט. האָט

מען אים אוועקגענומען פון צווישן אַלע און אים אַרויסגעפירט, כדי אים נישט מיטצונעמען אויפן שפּאַציר.

און ווי די קינדער האָבן דערהערט, אַז מע רעדט שוין טאַקע געשמאַק וועגן דעם פּאָרן, האָבן זיך גענומען טענות דערטראָגן:

אַז אויב אַזוי, פאַרוואָס־זשע גייט מען נאָך נישט אַרויף אויפן וואָגן? אויף דעם גרויסן וואָגן?

האָט משה גערעדט צו די קינדער פון ישראל, וואָס אים איז געזאָגט געוואָרן, לאמור אזוי צו זאָגן:

אמור — זאָג,
אַז קומען וועט דער טאָג!

בהר

כה. ב ה ר — אויפן בארג,

וואו א קול פון שופר האָט זיך געהערט מעכטיק און שטאַרק,
אויף יענעם באַרג,
אויפן באַרג סיני,
האָט משה זיך אָנגעזעגן און אָנגעהערט א וועלט.

ער האָט געהאט אָפענע אויגן און אָפענע אויערן.
סע זענען פאַר אים אָפן געווען אַלע טויערן.

ער האָט געהערט און געזען, וואָס ס'וועט זיין און וואָס ס'איז געווען, און ווי אַזוי די בני־ישראל זאָלן זיך פירן באַם שפּאַצירן, און ווי אַזוי זיי זאָלן זיין גוט און פיין ווען זיי וועלן קומען אין לאַנד כנען:

אַז איר וועט קומען אין דעם לאנד, זאָל זיך ביי אייך נישט פירן קיין
מיין
און דיין,
נייערט אַלץ און אלץ זאָל פאַר אַלע, פאַר יעדערן זיין.

און איך זאָלט נישט נאַרן איינער דעם אַנדערן, כדי איך זאָלט זיצן אין דעם לאַנד אין זיכערקייט —
איך זאָלט שוין מער נישט דאַרפן וואַנדערן.
און דאָס לאַנד וועט געבן איר פרוכט, און איך וועט עסן צו זאַט, און איך וועט זיצן אין זיכערקייט דערויף —
אָבער סע זאָל זיך נישט אָנהייבן קיין קויף, און פאַרקויף.

וואָרום די ערד,
איך אייביקע ווערט,

נישט צו קיינעם געהערט!

נישט צו קיינעם:
נישט צו איינעם,

נייערט פראַנק און פריי פאַר אַלץ וואָס לעבט, פאַר אַלץ וואָס לעבט.
אַז טרעפן זאָל זיך נישט טרעפן ווי געטראָפן האָט זיך געטראָפן:
וואָס איינער איז געלאָפן און געלאָפן,
און דער צווייטער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט.
ווי יענער איינער האָט געגעסן צו זאַט און גוט באַשמירט.
און יענער צווייטער, יענעמס ברודער, אפילו נישט אומ־באַשמירט.
ער האָט נישט געהאַט אין מויל קיין ביסן.
האָט ער זיך געווענדט צו זיין ברודער און אים געגעבן צו וויסן,
אַז דאָס האַרץ זיינס חלשט אים פאַר אַ ביסן.

און יענער איז, אַפּנים, געווען צעדרייט און ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו זיין ברודערס רייד.
ער האָט נאָר אין זינען געהאַט זיך אַליין, איז צו זיין האַרץ נישט דערגאַנגען זיין ברודערס געוויין.

און ער איז געלאָפן און געלאָפן איינער אַליין.
ביז ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ שטיין.

— ווער ביסטו עלנטער שטיין? — האָט ער גענומען דעם שטיין פרעגן:
— וואָס איז מיט דיר, וואָס דו ליגסט אזוי עלנט פאַרוואָרפן אויף פעלדער און וועגן?
— אוי, ס'איז דאָ אַ סך צו פרעגן און מער נאָך צו דערציילן
— האָט דער עלנטער שטיין אָנגעהויבן מיט אַ געוויין און זיך צעלאָזט זייער שטאַרק:

— ב ה ר — אויפן באַרג,
איך בין שוין געווען אויפן באַרג,
און כ'בין שוין געווען אונטערן באַרג.

בין איך געווען אונטן,
האָט זיך קיינער אויף מיר נישט אומגעקוקט, קיין בליק נישט געטון אויף מיר, נישט געוואָלט מיך הערן און נישט גלויבן.
בין איך ארויף אויבן,
האָב איך זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט, קיין בליק נישט געטון, נישט געוואָלט קיינעם הערן און נישט גלויבן.

פאַרשטיינערט איז מיין האַרץ געוואָרן,
איך האָב געזען בלויז מיך אַליין.
איז אויסגעגאַן אויף מיר א צאָרן:
איך בין א שטיין געוואָרן,
אַן עלנטער שטיין.

אוי,
פאַרוואָרפן אויף פעלדער און וועגן,
אוי,
באַדאַרפסט מיך שוין מער נישט פרעגן.

האָט א מידער, א מאַטער, יענער איינער דער זאַטער, גענומען גיין אויף צוריק.

און אויף צוריק,
איז דער גאַנג מיטן בליק.

איידער וואָס, איידער ווען, האָט ער שוין דערזען, ווי ער איז אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן און אין מויל אריין איז נישטאָ קיין ביסן.

און ער האָט שוין געזען, אַז ער געפינט זיך אונטן, און ער האָט א קוק געטון און דערזען ווי זיין ברודער, וואָס האָט גע־הונגערט איז אויבן, אָבער יענער, וואָס זיין האַרץ איז פריער געווען אָפן, איז דערנאָך שוין פון אים אַנטלאָפן.

און געלאָפן איז ער געלאָפן,
ביז ער האָט צו יענעם שטיין געטראָפן.

— ווער ביסטו עלנטער שטיין — האָט ער גענומען דעם שטיין פרעגן,

— וואָס איז מיט דיר, וואָס דו ליגסט אַזוי עלנט פאַרוואָרפן אויף פעלדער און וועגן?

האָט דער שטיין אַרויסגעזיפצט אַן „אוי", און געלאָזט הערן ווערטער אין טרערן:

— פאַרשטיינערט איז מיין האַרץ געוואָרן.
איך האָב געזען בלויז מיך אַליין.
איז אויסגעגאָסן אויף מיר אַ צאָרן:
איך בין אַ שטיין געוואָרן.

האָט זיך יענער צווייטער דערפילט עלנט ווי אַ שטיין,
און ער האָט אָנגעהויבן צוריק צו גיין.

און דער גאַנג אויף צוריק,
איז מיטן קוק, מיטן בליק.

ער איז שוין אונטן, און זיין ברודער איז שוין אויבן.

האָט ער גענומען זיין ברודער בעטן, אַז ער זאָל אים צו זיך דערהויבן.

אָבער יענער האָט ווידער נישט געוואָלט, נישט הערן, נישט זען. ס'איז ווידער דאָס זעלבע געשען:

ער איז אַוועק אויף זיין וועג, אויפן אַלטן, און אַזוי אַוועק און אַוועק, ביז יענער שטיין האָט אים ווידער פאַרהאַלטן:

— אוי, דו גייסט שוין ווידער אויף דעם וועג, אויף דעם אַלטן!

דיין גאַנג איז אומזיסט, דו נאַר וואָס דו ביסט,

דו מעגסט שוין פאַרשטיין, אַז אויב דו נאַרסט דיין ברודער, נאַרסטו זיך אַליין.

איז, כּדי טרעפן זאָל זיך נישט טרעפן ווי געטראָפן האָט זיך געטראָפן, איז משהן געזאָגט געוואָרן, אַז ער זאָל רעדן צו די בני־ישראל — לאמור — אַזוי צו זאָגן:

— אַז דיין ברודער וועט זיך פילן געפאַלן, זאָלסטו אים אונטערהאַלטן.

— און דו זאָלסט איבער אים נישט שאַלטן און וואַלטן.

כו. און איר זאָלט אינגאַנצן אַוועקוואַרפן דעם נאַרישן וועג, דעם אַלטן —

פון מאַכן אָפּגעטער, אַ געשניצטן געץ, אַ זייל־שטיין, אַ שטיינבילד, אויף צו בוקן זיך צו די זאַכן, צו די בילדער —

דאָס איז אַ גאַנג, אַ נאַרישער, אַ ווילדער,

ווער מיר אָפּגעטער! וואָס מיר בילדער!

דער עיקר, אַז איינער צום אַנדערן זאָלט איר זיין מילד און מילדער.



שופר־בלאזן אויפן בארג סיני

בחקותי

און נאָך און נאָך געבאָט האָט גאָט געבאָטן משהן פאַר
די בני־ישראל —

אויפן באַרג סיני.

אַז געטון זאָל געטון ווערן אַלץ ווי סע באַדאַרף צו זיין:
נישט איינער — צופיל, און דער צווייטער — גאַרנישט.

פון דעם קען ווערן א גאַנצע בהלה.

וואָרום אַז מע טוט, קומט אַריין די ברכה, און אַז מע
דרייט זיך אַרום מיט די הענט אין די קעשענעס איז א קללה.

— ב ח ק ו ת י — אין מיינע חוקים,

אין מיינע געזעצן,

אויב געהיטן וועט געהיטן ווערן יעדער שפּאַן, יעדער
טראָט,

אויב געטון וועלן געטון ווערן מיינע געבאָט,

וועט זיין א ברכה איז יעדער זאַך, אין יעדער מלאכה.

די רעגנס — אין זייער צייט,
די ערד — איר תבואה,
דער בוים פון פעלד — זיין פרוכט.

און יעדן, וואָס ער זוכט,
פון אַ גרעזל ביז אַ בלאַט.
און קיינעם נישט געשאַט.

אַ יעדער באַנאַנד,
וועט עסן ברויט צו זאַט,
מיט זיכערקייט אין לאַנד.

שלום אין לאַנד!
שלום אין לאַנד!

און גוטס וועט זיך קערן,
און מערן און מערן.

היינט, אזוי, און מאָרגן,
אָן צרות און אָן זאָרגן.
נישט לייען און נישט באָרגן.
נישט שטעלן און נישט מעקען.

און קענען רואיק שלאָפן,
ווייל קיינער וועט נישט וועקן
און נישט איבערשרעקן.

און א שווערד, א שווערד
וועט אין לאַנד נישט דורכגיין —

אַ לעבן א מחיה,

א סוף צו ווײ און אָך.
אַרויס פון לאַנד מצרים,
צעבראָכן איז דער יאָך,

צעבראָכן בראָך אויף בראָך
ווי מע צעברעכט א טאָפּ.

אַרויס פון לאַנד מצרים
מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ,
מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

אויב אָבער מע וועט נישט צוהערן צו אַלע גוטע רייד,
מע וועט טון פאַרקערט ווי יעדער גוטער און קלוגער פאַר־שטייט,
דאָס הייסט, אז טון וועט מען יענעם הייסן און אַליין וועט מען זיך אַרומדרייען מיט די הענט אין די קעשענעס,

וועט זיין א קללה,
א בהלה.

וואָרום אין א ליידיקער כלי קומט קיין ברכה נישט אַריין.
און, דער עיקר, שטיין מיט די הענט אין די קעשענעס און קוקן ווי יענער טוט, איז נישט אַזוי פיין.
גלייך ווי צו זאָגן, אַז „מיינס איז מיינס און דיינס איז אוי־כעט מיין״.
די אָ וועלן פאַרלירן פון די אויגן די שיין.
און זיי וועלן נידערן אין דער נידער, אין דער נידער —

וואָס מער זיי וועלן גיין דערווידער —

זיבן קלאָגן פאַר איין קלאָג,
זיבן פּלאָגן פאַר איין פּלאָג.

און ברויט וועט מען זיי צוטיילן אויף דער וואָג.

עסן — נישט צו זאַט.
און א שרעקעדיקייט וועט זיין אין זייער האַרצן אפילו פאַר א שאָרך פון אַ בלאַט.

און זיי וועלן לויפן ווי מע אַנטלויפט פון א שווערד,
און פאַלן אויף דער ערד,

און געשטרויכלט ווערן איינער אָן אַנדערן,
און וואַנדערן, און וואַנדערן.

ביז זיי וועלן זיך מודה זיין אין זייער פעלשונג, וואָס זיי האָבן געפעלשט.
און זיי וועלן ווערן אַזעלכע גוטע און וואוילע, אז זייער אויפפירונג וועט דערמאָנען אין יענער צייט מיט די פיינע לייט:
מיט יעקבן, מיט יצחקן, מיט אברהמען, מיטן לאַנד, מיט אַלץ באַנאַנד —
אין יענער־יענער צייט מיט די רעכטפאַרטיקע לייט, און זייער לעבן וועט ווערן באַנייט.

וואָרום צוליב דעם זענען זיי אַרויסגעצויגן געוואָרן פון

לאַנד מצרים, צוליב דעם זיי פון זייער קנעכטשאַפט באַ־פרייט.

און טאָמער וועלן קלערן די בני ישראל:

נאָך וואָס זיי דאַרפן אַזוי פיל הערן פון דעם וואָס סע וועט זיין אַמאָל?

און טאָמער וועלן זאָגן די קינדער:

אַז זיי ווילן נישט וואַרטן אויף שפּעטער, זיי ווילן אצינדער?

זיי וועלן פרעגן וואָס סע הערט זיך מיט דעם וואָגן, וואָס מע האָט זיי געהאַלטן אין איין זאָגן —

אַז עפּעס א וואָגן, וואָס ווייזט וואונדער איבער וואונדער.

און נאָך און נאָך וואָס זיי וועלן פרעגן?

זאָל מען זיי געבן צו פאַרשטיין דעם גאַנג פון אַלע וועגן.

אַז שפּאַנען וועט מען איינשפּאַנען דעם גרויסן וואָגן פון זיבן וועגעלעך, און יעדעס וועגעלע ווידער פון זיבן, און אַזוי ווידער און ווידער אָן א שיעור און מאַכן דעם שפּאַציר.

און פירן וועט פירן דער וואָגן און ווייזן אַ טייכל, א וועלדל, א בערגל, א טאָל, אויפאַמאָל און באַזונדער — וואונדער אי־בער וואונדער.

און אַלץ אַזוי לייכט און גרינג, ווי מע צערייסט א שטיקל פּאַפּיר. גאָר קיין פאָרן נישט, בלויז עפּעס אזא טרעסע, א ריר, אַזאַ מין שפּאַציר.

און אַלע וועלן זיין — אויף איין אָרט וועלן אַלע זיין, כאָטשע זיי וועלן האַלטן אין וואַנדערן און וואַנדערן.

און כאָטש זיי וועלן צעזייט און צעשפּרייט זיין — אויף

דער גאַנצער וועלט צעזייט און צעשפּרייט, וועלן זיי זיין איי־
נער לעבן אנדערן.

וואָרום אלע וועלן זיך געפינען אויף דעם איינעם און זעל־
ביקן וואָגן.

כז. און גאָט האָט גערעדט צו משהן —לאמור — אזוי צו זאָגן:

אַז עמיצער וועט אַרויסרעדן, אַז ער נעמט אויף זיך צו טון
א וועלכע ס'איז גוטע זאַך, זאָל ער וויסן אז א זאָג איז נישט
קיין לאַך.

א וואָרט דאַרף ווערן געהאַלטן פון א יונגן ביז אַן אַלטן.
און מע דאַרף זיך וויסן ווי צו פירן, ווי צו האַלטן.

דאָס זענען די געבאָט וואָס גאָט האָט געבאָטן משהן —
זיין באַגלייבטן דינער — פאַר די בני־ישראל אויפן באַרג סיני.

במדבר

במדבר

במדבר — — — — — — — — — — — — —	זייט	239
נשא — — — — — — — — — — — — —	„	245
בהעלותך — — — — — — — — — — —	„	249
שלח — — — — — — — — — — — — —	„	255
קרח — — — — — — — — — — — — —	„	259
חקת — — — — — — — — — — — — —	„	263
בלק — — — — — — — — — — — — —	„	271
פינחס — — — — — — — — — — — —	„	279
מטות — — — — — — — — — — — —	„	285
מסעי — — — — — — — — — — — —	„	289

במדבר

א. ב מ ד ב ר — אין מדבר — אין צווייטן יאָר וואָס די קינ־
דער פון ישראל זענען אַרויסגעגאַן פון לאַנד מצרים, האָבן
זיך אָנגעהויבן מעשות נייע.

און גאָט האָט גערעדט צו משהן אין מדבר סיני, אַזוי צו זאָגן: איידער מע נעמט ווידער שפּאַנען דעם וואָגן — איידער מע לאָזט זיך ווידער אויף שפּאַציר — דאַרף מען עפּעס טון פריער. איז, נעמען זאָלסטו נעמען די קינדער און זיי איבערציילן און אין טיילן זיי צעטיילן. און די וואָס לאָזן זיך נישט פאַרנאַרן, זאָלסטו און אהרן זיי טיילן עפּל און באַרן.

און משה און אהרן האָבן גענומען די גרויסע, וואָס טויגן פאַר זעלנער און זיי אָנגעטון הויכע קעלנער און די קליינע — די קינדער פון לוי, וואָס קלענער, וואָס יינגער — געמאַכט זיי פאַר זינגער.

און אַז די גרויסע וועט אויסקומען אויפן וועג צו לויפן און יאָגן, צו קריגן זיך און שלאָגן, ביים ציען פון משכן — דאָס רוואונג — וועלן אויך די קליינע האָבן אַ טואונג. די גרויסע

וועלן זיך שלאָגן און טומלען און זשומען, ווי בינען און די קליינע וועלן העלפן טראָגן די כלים און זיי באַדינען.

און צוועלף עלצטע האָבן משה און אהרן געמאַכט איבער צוועלף טיילן, וואָס זיי האָבן ביים ציילן געטון צעטיילן. זעקס הונדערט דריי טויזנט און פינף הונדערט און פופציק זענען זיי געווען די געציילטע, די מיט די הויכע קעלנער, וואָס האָבן געטויגט פאַר זעלנער.

נאָר די קליינע — וואָס קלענער, וואָס יינגער — די זינגער, זענען נישט געציילט געוואָרן, זענען זיי שיעור נישט אַריין אין צאָרן. דערצו נאָך האָבן די גרויסע, יעדע טייל באַזונדער, געקריגן אַ פאָן און זיי, די זינגער, האָט מען געהייסן היטן דעם משכן און זיצן אויבן־אָן.

איז די זינגער אָנגעגאַנגען נישט קיין געזאַנג, נייערט אַ געוויין: וואו איז זייער פאָן? מע קען זיי נאָך איבערלאָזן אַליין!

איז געזאָגט געוואָרן צו זיי, אַזוי צו זאָגן: אַז וויינען איז נישט שיין און מע וועט זיי נישט לאָזן אַליין, ווען מע וועט האַלטן ביים גיין.

ב. און אַרום דעם אוהל־מועד — דאָס געצעלט פון איינזאַמלונג — זאָלן לאַגערן די קינדער פון ישראל, יעדע טייל באַזונדער, נישט אַלע אויפאַמאָל, נייערט יעדער לויט זיין פאָן.

און די מיט דער פאָן פון יהודה
זאָלן ציען די ערשטע.
און די מיט דער פאָן פון ראובן
זאָלן ציען די צווייטע.

און די מיט דער פאָן פון אפרים
זאָלן ציען די דריטע.
און די מיט דער פאָן פון דן,
זיי זאָלן ציען די לעצטע.

און אַז זען האָבן די זינגער דערזען, אַז מע האַלט שוין ביים גיין, האָבן זיי גענומען מאַנען זייערע פאָנען, און כדי ביים טיילן זאָל מען זיי נישט פאַרטיילן, זאָל מען אויך זיי ציילן.

ג. און משה האָט זיי געציילט, יעדן פון אַ חודש אַלט און העכער, א בחור א בעכער, א גאַנצער פאַרשוין און — שוין.
איז די זינגער געוואָרן גרינגער און שאַרפן האָבן זיי גענומען שאַרפן זייערע קולעכלעך, זייערע קלינגער.
און צום שפּאַציר איז שוין נענטער געווען, ווי פריער.
וואָרום ציען האָבן זיי שוין ווידער באַדאַרפט ציען.
און דער הימל האָט זיך גענומען מיט כמאַרעס פאַרציען.

ה. און משהן איז געזאָגט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן: אַז וואַכן זאָל ער וואַכן איבער די קינדער — וואָס קלענער, וואָס ייִנגער — איבער די זינגער, אַז זיי זאָלן נישט פאַרשניטן ווערן אין וועג, ווייל סע קען אויסקומען צו גיין אָן א שטעג און אָן א וועג.
און אַז דער הימל איז שוין געווען מיט כמאַרעס פאַרצויגן, האָבן די קינדער אויפגעהויבן זייערע אויגן און דערזען, וואָס אונטער די כמאַרעס איז געשען.
מחנות פייגל זענען געקומען צו פליען פון דאָרט, וואוהין די קינדער האָבן באַדאַרפט ציען.

און געווען זענען די פייגל געווען פון אַלערליי קאָלירן. גרינע און רויטע און געלע, בלאָע און ווייסע און שוואַרצע, זענען אַלע פייגל די קינדער געווען צום האַרצן, אַלע, נאָר נישט די שוואַרצע.

און געפּאַכעט האָבן די שוואַרצע פייגל מיט די פליגל און געהאַלטן זיך אין איין וויגן, ווי צום שלאָגן זיך, צום קריגן, און די בני־ישראל — די קינדער פון ישראל האָבן אַלעמאָל געוואָלט לעבן אין פרידן.



יעדער לויט זיין פאן

נשא

נ ש א — נעם־אויף — נעם־אויף די צאָל האָט משה גע־הערט גאָטס קול — און משה האָט ווידעראַמאָל אויפגענומען די צאָל פון די געציילטע און איינגעטיילט וואָס יעדער זאָל טון, ווען די לאַגערן וועלן רוען און ווען די לאַגערן וועלן ציען.

ווער סע זאָל טראָגן די פירהאַנגען פון משכן, און דעם אוהל־מועד.

און ווער — זיין צודעק, זיין בויד.

ווער — די טיר־פירהאַנג און די פירהאַנגען פון הויף.

און ווער סע זאָל פאָלגן א גאַנג און טון א לויף.

ווער סע זאָל טראָגן די ריגלען, און די זיילן, און די שוועלן.

און — יעדער זאָל וויסן וואָס צו טון און וואו א פוס צו שטעלן.

זענען די קינדער פון דעם אַלעמען צופרידן געווען, נאָר ס'איז זיי נישט געווען צום האַרצן די פייגל די שווארצע און זיי האָבן פאַריסן די אויגן צום הימל מיט א ציטער אין האַרצן.

ה. און משה האָט גערעדט צו די קינדער פון ישראל, אזוי צו זאָגן: דאָס פאַרייסן צום הימל די אויגן, וועט נישט טויגן,

וואָרום קיין שום זאַך טוט זיך נישט אַליין און דעם לאַגער דאַרף מען האַלטן ריין.

זיין דאַרף דער לאַגער זיין ציכטיק און דופּטיק און לופּ־טיק — נישט צום דערשטיקן — און יעדן, וואָס האַלט זיך נישט ריין, זאָל מען פון לאַגער אַרויסשיקן.

האָבן די קינדער פון ישראל געטון, אזוי ווי משה האָט צו זיי גערעדט צו טון.

יעדער אין לאַגער האָט געמאַכט זיין געלעגער און פאַר־רוימט און פאַרפּוצט און — אַלץ וואָס האָט גענוצט.

און ווער אומריין ס'איז געווען, וואָס האָט געקענט פאַר־אומריינִיקן דעם לאַגער — ער איז געזעסן פאַרלייגט די הענט און זיך געפוילט צו טון א ריך, האָט מען אים געוויזן די טיר.

ו. האָט יעדער אינעם לאַגער געהאַט זיין אַרבעט, זיין טו־אונג, סיי אין ציִען און סיי אין רואונג. יעדער — זיין אַר־בעט, יעדע זאַך — זיין פּלאַץ, זיין אָרט. און אַ זאָג איז געווען אַ זאָג, און אַ וואָרט איז געווען אַ וואָרט.

אַ וואָרט איז געווען, ווי אַ נדר. און אַ סוד איז געווען אַ סוד, נישט אויסצוזאָגן פונעם חדר.

זענען די קינדער געווען ווױלע קינדער און געוואַקסן ווױלע מענטשן. און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אז ער זאָל רעדן צו אהרנען און צו זיינע זין, אַזוי צו זאָגן: אַזוי זאָלט איר די קינדער פון ישראל בענטשן:

גאָט זאָל דיך בענטשן,
און דיך היטן,
און טון צו דיר שלום.

און די קינדער איז אויפגעגאַן, ווי א זיסער חלום. ס'האָבן זיך אָפּגעטון פון זייערע אויגן די כמאַרעס פון אונטערן הימל און די פייגל די שוואַרצע, וואָס ס'איז זיי נישט געווען צום האַרצן.

ז. און ס'איז געווען אין דעם טאָג, וואָס משה האָט געענדיקט אויפשטעלן דעם משכן — דאָס רואונג —, האָבן אַלע די דאָזיקע ארבעט געשעצט. און אז משה איז געקומען אין אוהל־מועד — אין געצעלט פון איינזאמלונג—, האָט ער דערהערט גאָטס קול רעדן צו אים פון איבערן אָרון פון געזעץ.

בהעלותך

ח. ב ה ע ל ו ת ך — אַז דו צינדסט אָן — איז אהרנען גע־
זאָגט געוואָרן: אַז דו צינדסט אָן די ליכט, זאָלן די זיבן
רערלעך לייכטן צו פאָרנט־צו פון דער מנורה. און לייכטן
זאָל די מנורה נישט נאָר אויף דעם אָרט, וואו זי איז געשטעלט,
נייערט לייכטן זאָל זי באַלייכטן די גאַנצע וועלט.

און אַז די קינדער וועלן זען דאָס ליכט פון דער מנורה, וועלן
זיי נישט האָבן קיין מורא,

נישט פאַר קיין כמארעס,
נישט פאַר קיין שווארצע פייגל,
נישט — פאַר קיין נעכטיקע טעג —
דעם גאַנצן וועג.

און זיי וועלן זיך פילן ווי באַפרייט — ווי פאַר פסח, ווען מע
לאָזט זיי אַרויס פון חדר — און זיי וועלן זיך נעמען גרייטן צום
סדר.

ט. און גאָט האָט גערעדט צו משהן אין מדבר סיני, אין צוויי־
טן יאָר נאָך זייער אַרויסגיין פון לאַנד מצרים, אַז די קינדער

פון ישראל זאָלן מאַכן פסח, אין דער איינגעשטעלטער צייט, פאַר א צייכן אז זיי זענען געוואָרן באַפרייט.

און אַז ביי די קינדער פון ישראל וועט זיך אויפהאַלטן א פרעמדער — פון וואַספאַרע לענדער — איז, איין דין זאָל זיין סיי פאַר דעם פרעמדן, סיי פאַר דעם איינגעבוירענעם פון לאַנד. פאַר יעדן איין און דער זעלביקער דין — דאָס איז דער זין פו־נעם דין.

און נישט אומזיסט זענען געווען משהס באַמיאונגען. ווי אַזוי ער האָט צו די קינדער פון ישראל גערעדט, אזוי האָבן זיי זיך געפירט, סיי ווען זיי האָבן גערוט און סיי אין זייערע צי־אונגען.

י. און משה האָט זיך געמאַכט צוויי זילבערנע טרומייטערס אויף צונויפצורופן די עדה, און אויף צו מאַכן ציען די לאַ־גערן. און ווי די קינדער פון ישראל האָבן דערזען די טרומיי־טערס, זענען זיי אַרויף — ווער אויף בענק, ווער אויף טישן, ווער אויף לייטערס — און אַלע האָבן געוואָלט בלאָזן מיט די טרומייטערס.

און ס'איז געוואָרן א רוקעניש, א שטופעניש, א רופעניש:

—איך וויל בלאָזן!

— איך וויל א בלאָז טון!

אזוי אין די טויזנטער — נישט איינער צי א צווייטער — יעדער האָט געוואָלט טון א טרומייטער און א באַקוק טון דעם טרומייטער.

און אזוי ווי אַלע האָבן זיך נישט געקענט אויף דעם דער־

האַרן, איז געבליבן אַז בלאָזן זאָלן נאָר בלאָזן די זין פון אהרן.

און אהרנס זין האָבן אַ בלאָז געטון, איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע עדה. און זיי האָבן אַ צווייטן בלאָז געטון, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ציִען, דאָס פאָרן. און פון פאָרויס האָט געצויגן דער אָרון.

און אַז דער אָרון פלעגט ציִען, פלעגן די שוואַרצע פייגל זיך צעפליִען, אַז ס'איז זיי נישט געווען אָנצוזען מיט די אויגן. און דער הימל פלעגט ווערן לויטער און ריין, מע זאָל זען וואו צו גיין, מע זאָל זיך קענען טון אַ ריר.

און ס'איז געווען, אַז דער אָרון האָט געצויגן, האָט משה געזאָגט:

שטיי־אויף, גאָט,
און צעשפּרייט זאָלן ווערן דיינע פיינט,
און דיינע שונאים זאָלן אַנטלויפן פאַר דיר.

יא. און דאָס פאָלק האָט זיך באַקלאָגט אויפן שלעכטס, וואָס ס'איז נישטאָ קיין לייטיש ביסל געקעכץ. נאָר מן און מן אויף יעדן שפּאָן, און ביים עסן עס, ביים פאַרזוכן, צו פילן שטענדיק דעם טעם פון בוימלקוכן.

האָט משה איינגעזאַמלט זיבעציק מאַן פון די עלצטע פון פאָלק, אפשר וועלן זיי מיט די קינדער פון ישראל קענען קו־מען צו אַ טאָלק. אפשר וועלן זיי קענען געבן צו פאַרשטיין, אַז נישט פלייש איז דער עיקר — זיי זאָלן נישט זיין אַזוינע פרעסער, אַזוינע פיקער.

און א ווינט איז אָנגעקומען און געברענגט צו פליען וואכטלפייגל פון ים און זיי צעוואָרפן אויף יעדן שפּאַן, אָן א צאָל אויף יעדן מאַן.
און — פאַרגעסן זאָלן פאַרגעסן ווערן די דאָזיקע עברות — פון דאָרט האָבן זיי ווייטער געצויגן, ביז קיין חצרות.

יב. און דער מאן משה האָט זיך געהאלטן זייער נידעריק, מער פון יעדן מענטשן אויף דער ערד. און יעדן האָט ער געשעצט און געערט. און אַז מ'האָט גערעדט שלעכטס וועגן אים, האָט ער נישט דערהערט.
און די מעשה מיטן עסן האָט ער פאַרגעסן. און ער האָט געלאָזט איין גרופּע און אַ צווייטער צו טון אַ טרומייטער.
און ער האָט ווידעראמאָל אָנגעהויבן מיט די קינדער פון ישראל צו ציען, צו פאָרן. און זיי האָבן געצויגן פון חצרות און זיי האָבן גערוט אין מדבר פאָרן.

אהרן צינדט אן די מנורה

שלח

יג. און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:

ש ל ח — ש י ק —
שנעל, מיטן בליק.

נאָך איידער ס'וועט אָנהייבן צו טאָגן, זאָלסטו שיקן מענ־
טשן, עטלעכע אויפאַמאָל, אַ גרעסערע צאָל, זיי זאָלן אויס־
קוקן דאָס לאַנד כנען, וואָס איך גיב צו די קינדער פון ישראל.

האָבן די קינדער פון ישראל זיך גענומען איבערקוקן ווי
איינער רעדט: א נייע מעשה, גאָר אויסקוקן.

איינער האָט זיך אָנגערופן:
מאַכט אַ וואַרע,
איך קען אַריינקוקן דורך אַ שפּאַרע.

איינער האָט א מאַך געטון, אז מע זאָל אים געבן צו טראָגן
די פאָן
און ער זאָל גיין אויבן־אָן.
און אַ צווייטער —
אַז מע זאָל אים געבן דעם זילבערנעם טרומייטער.

איינער איז געגאַן אָנמאַכן א שרעק, אז כאַפּן וועט מען
דאָרט כאַפּן יענע קלעפּ. און א צווייטער איז אַריינגעשפּרונ־

גען אינדערמיט, אַז מ'האָט שוין לאַנג נישט געשפּילט אין קיין קנעפּ.

און משה האָט גענומען צוועלף הויפּטלייט, צו איין מאַן פאַר א שבט, צו איין מאַן פאַר זיין פאָטערשטאַם, און האָט צו זיי געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: גייט, קינדערלעך און איר זאָלט אייך אויפן וועג נאָר נישט צעשלאָגן, איר זאָלט אייך אויפפירן וואויל און פיין און אויסקוקן דאָס לאַנד כנען.

גייט אַרויף אַהין קיין דרום, און גייט אַרויף אין די געבערג און איר זאָלט אָנקוקן דאָס לאַנד, וואָס דאָס איז:

שיין צי מיאוס.
גוט צי שלעכט.
ליידיק צי מיט געהילץ.
מאָגער צי מיט געשמילץ.

און ברענגען זאָלט איר ברענגען צו טראָגן אין אייער האַנט פון דער פרוכט פון יענעם לאַנד.

זענען זיי אַרויסגעגאַן און האָבן אויסגעקוקט דאָס לאַנד פון ראַנד צו ראַנד. און זיי זענען געקומען ביזן טאָל אשכול און האָבן אָפּגעשניטן דאָרט א צווייג מיט איין שטראַנג וויינטרויבן, איז דער שטראַנג געווען אַזוי געדיכט, און אַזוי לאַנג, און אַזוי ברייט, אַז מ'האָט אים געמוזט טראָגן זאַל־בעצווייט.

נאָר קריגן האָבן זיי זיך געקריגט אויפן וועג, און זיי האָבן זיך אומגעקערט צום סוף פון פערציק טעג.

זיי האָבן געוויזן די פרוכט, און געזאָגט: נאָט, פאַרזוכט. ס'איז טאַקע א טייער לאַנד, דאָס לאַנד כנען, ווען מע לאָזט אונדז נאָר אריין!

און סע טריפט טאַקע מיט מילך און האָניק, דאָס לאַנד כנען, ווען מע לאָזט אונדז נאָר אריין!

אָבער די שטעט זענען באַפעסטיקטע און די באוואוינער זענען שטאַרקע און מירן פאַלן קעגן זיי און שטאַרבן.

און כלב — אויך איינער פון די אויסקוקערס — האָט געזאָגט, אז אַריינגיין וועלן מיר אַריינגיין, אין דעם לאַנד, און אַרבן וועלן מיר עס אַרבן.

יד. האָט די גאַנצע עדה אויפגעהויבן און אַרויסגעלאָזט זייער קול, מיט א פיזמון א נייעם: צי ס'וואָלט נישט בעסער געווען זיך אומצוקערן קיין מצרים.

און יהושוע דער זון פון נון, און כלב דער זון פון יפונהן — פון די וואָס האָבן אויסגעקוקט דאָס לאַנד כנען — האָבן פאַר טרויער צעריסן זייערע קליידער, ווי איינער רעדט: ווייז דיר, ווילסט צוריקגיין, גיי דיר. אָבער דאָס לאַנד, וואָס מיר האָבן אויסגעקוקט, איז גוט פון ראַנד צו ראַנד און אויב גאָט באַגערט אונדז, וועט ער אונדז ברענגען אין דעם דאָזיקן לאַנד!

טו. און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: רעד צו די קינדער פון ישראל — נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל — אז איר וועט קומען אין דעם לאַנד. וואָס איך גיב אייך און ביי

אייך וועט זיך אויפהאַלטן א פרעמדער, פון וואָסערע לענ־דער, איז איין תורה און איין דין זאָל זיין פאַר אייך און פאַר דעם פרעמדן, וואָס האַלט זיך אויף ביי אייך.

איין תורה און איין דין — דאָס איז דער זין דערפון.

נאָר דער הימל איז נאָך אַלץ געווען פאַרכמאַרעט און אונטער די כמאַרעס — די פייגל די שוואַרצע, וואָס זענען די קינדער נישט געווען צום האַרצן.

קרח

טז. און קרח — א נייער אורח — און דתן און אבירם, וואָס האָבן געוואָלט ווערן פירער, מיט נאָך צוויי הונדערט און פופציק מאן, האָבן זיך איינגעזאמלט אַקעגן משהן און אהרנען און האָבן צו זיי אַזוי געזאָגט:

— גענוג אייך, איר, משה און אהרן,
מיר ווען זיך מער נישט לאָזן נאַרן!

דו, משה, האָסט אונדז נישט געברענגט אין דעם צוגע־זאָגטן לאַנד.

און אהרן, — וואָס האָט אהרן מיט דיר פאַר אַ פאַר־באַנד?

און קרח מיט זיין גאַנץ געזעמל זענען אַלע, יעדער מאַן, אַרויס מיט א טאָפּ און מיט א פאַן, און ס'איז געוואָרן א גע־קלאַפּעריי, א געפויקעריי, אַ גערודער — אַ געקריג פון א ברו־דער קעגן א ברודער.

און א שרעק און א גרויל, די ערד האָט געעפנט איר מויל, און — ווי די מעשה מיט קרחן איז פאַרשריבן — איז פון קרחן און פון זיין גאַנץ געזעמל קיין איינער נישט פאַרבליבן.

יז. און די גאַנצע עדה האָט אויף מאָרגן געמורמלט, אַזוי צו זאָגן: וואָלט דען נישט גענוג געווען צו ווייזן זיי א שטעקן, צו דערשרעקן, אָבער נישט זיי צו דערשלאָגן!

נישט אומזיסט זענען אונדז נישט געווען צום האַרצן די פייגל די שוואַרצע

און די כמאַרעס אויפן הימל —

ווער ווייסט, וואָס נאָך סע וועט קומען!

און משה האָט געזאָגט צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: ווער סע האָט א שטעקן, זאָל אים ברענגען צו טראָגן.

זענען די קינדער געגאַן און געקומען און געברענגט — צוועלף פון זיי — יעדער פון זיין הויז, אַ שטעקן אַזוי־אַ די גרויס.

און נוצן זאָל באַנוצט ווערן דער שטעקן, נישט אויף צו שלאָגן און נישט אויף צו שרעקן, נייערט אויף אָנצושפּאַרן זיך אויף אים סיי אין לאַגער און סיי ביים ציען. און אַז די קינדער וועלן זיך גוט אויפפירן, וועט דער שטעקן אָנהייבן צו בליען.

האָבן די קינדער זיך גענומען איבערקוקן איינער מיטן אַנדערן: נאַ דיר אַ מעשה מיט אַ רוען און מיט אַ וואַנדערן. און זיי האָבן גענומען צו דרייען מיט די קעפּ, און מיט די אַקסלען צו ציען, ווי איינער רעדט: שוין געהערט אַמאָל, אַז א שטעקן זאָל בליען?

און משה האָט גענומען די צוועלף שטעקנס און געהייסן אויף יעדן פון זיי אויפשרייבן — קלאָר און שיין און גרויס — דעם נאָמען פון זיין פאָטערהויז, און אויף איין שטעקן פון זיי — דעם נאָמען פון אהרנען אַליין.

און דערנאָך, צום לעצט, האָט משה אנידערגעלייגט די שטעקנס אין דעם געצעלט פון געזעץ.

און ס'איז געווען אויף מאָרגן, אַז משה איז געקומען אין דעם געצעלט, האָבן זיך אים אזש די האָר אויפגעשטעלט. ער האָט דערזען אַהרנס שטעקן, ווי ער האָט זיך צעבליט אין די עקן.

פאַרוואַנדלען אין אַ בוים האָט דער שטעקן זיך געטון פאַרוואַנדלען.

און ארויסגעלאָזט פון זיך אַ שפּראָצונג,
און געבליט בליעכץ,
און געצייטיקט מאַנדלען.

האָט משה אַרויסגעטראָגן אַלע שטעקנס צו די קינדער פון ישראל, האָבן זיי ווידעראַמאָל אַ הייב געטון מיט די אַקסלען: אַזוינס גאָר, אויף אַ שטעקן זאָל וואַקסן?

יח. און זאָגן איז געזאָגט געוואָרן צו אהרנען: דו און דיינע זין
און פון דעם שטאַם לוי, דיינע ברידער, און אַלע קינדער
פון ישראל — זאָלט איר זיך נישט זיין דערווידער קיינמאָל.
און זיין זאָל צווישן אייך נישט קיין געקריג, נישט פון אַן אַלטן,
זאַט אין יאָרן און נישט פון אַ יונגן, אַ קינד אין וויג.

נאָר אַ ציעניש האָט אַלעמען געטון ציען צו דעם שטעקן, וואָס האָט אָנגעהויבן צו בליען.

חקת

יט. ח ק ת — דאָס געזעץ. משה האָט געזאָגט צו די קינדער פון ישראל דאָס געזעץ פון דער תורה, אז זיי זאָלן פאַר קיין זאַך נישט האָבן קיין מורא.

און רעדן האָט משה גערעדט דעמאָלט צו די קינדער נישט אין צייט פון ציען, נייערט אין צייט פון רו. און סע הייבט זיך אָן אַ מעשה מיט אַ רויטער קו.

משה האָט גערעדט צו די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן אים ברענגען א רויטע קו, אָן א מום, אָן א פעלער, און זיין זאָל זי זיין אַזוי־אָ רויט — נישט טונקעלער, נישט העלער.

האָבן די קינדער געקלערט און געטראַכט —
אַ טאָג מיט אַ נאַכט —:
וואו, וואו,
נעמט מען אזא קו?
און אז זיין זאָל זי פונקט אַזוי־אָ רויט?

סיידן צו נעמען אַזאַ פאַרב און אָפּפאַרבן איר פעל, איר הויט.

און וואו נעמט מען אַזאַ־אָ פאַרב?

סיידן צו נעמען אַזאַ פּוּלווער און אים צעמאַכן אויף צו מאַכן אַזאַ־אַ פאַרב.

און וואו נעמט מען אַזאַ־אַ פּולווער?

סיידן צו נעמען אַזאַ שטיין און אים צעמאָלן אויף צו מאַכן אַזאַ־אַ פּולווער.

און וואו נעמט מען אַזאַ־אַ שטיין?
וואו קען מען אים געפינען?
וואו זאָל מען אים זוכן?
וואו זאָל מען גיין?
וואו? וואו? —

איז נישט קיין סוף צו דער מעשה מיט דער רויטער קו.

ב. און די קינדער פון ישראל, די גאַנצע עדה, זענען געקומען קיין מדבר צן, און ס'איז זיי שוין נישט געלעגן אין זינען קיין קו א רויטע צי א בלאַסע, וואָרום זיי האָבן נישט געהאַט קיין וואַסער.

און דאָס פאָלק האָט זיך געקריגט מיט משהן, און זיי האָבן געזאָגט, אזוי צו זאָגן: נאָך וואָס האָסטו אונדז ארויסגעצויגן פון מצרים, אונדז צו ברענגען אין דער דאָזיקער מדבר, מיט דאָרשט אונדז צו דערשלאָגן?

און גאָט האָט גערעדט צו משהן: נעם דעם שטעקן, און זאַמל־איין די עדה, און זאָלסט רעדן צום פעלז, צום שטיין, אַז ער זאָל ארויסגעבן פון זיך וואַסער, און וועסט ארויסציען דאָס וואַסער גרינג און אָן מי און וועסט אָנטרינקען די עדה און זיי־ער פי.

האָט משה אַ קוק געטון אויף דעם שטעקן, ווי איינער רעדט: אויף צו רעדן דאַרף מען דען אַ שטעקן?

און פאַר גרויס צער, וואָס די קינדער זענען דאַרשטיק—פאַר צער, און פאַר גרויס ליבשאַפט צו די קינדער פון ישראל, האָט ער אויפגעהויבן זיין האַנט און האָט געשלאָגן דעם פעלז, דעם שטיין, מיט זיין שטעקן איין מאָל און נאָך אַ מאָל. און ס'איז אַרויס אַ סך וואַסער און טרינקען האָבן געטרונקען די עדה און זייער פי, נאָר משהן האָט צו טייער געקאָסט זיין מי:

פאַר דעם, וואָס ער האָט צום שטיין נישט גערעדט, נאָר אים געשלאָגן, האָט גאָט געזאָגט צו אים, אַזוי צו זאָגן: פאַר־דער־אָ זינד אין דיין לעבן, וועסטו נישט ברענגען די עדה אין דעם לאַנד וואָס איך האָב זיי געגעבן.

און משה האָט געשיקט שלוחים צו דעם מלך פון אדום — אַזוי זאָגט דיין ברודער ישראל:

דו ווייסט, וואָס אונדז האָט געטראָפן פון אַמאָל.

ווי אונדזערע עלטערן האָבן געניִדערט קיין מצרים, און די מצרים האָבן שלעכטס געטון אונדז און אונדזערע עלטערן.

און מיר האָבן געשריגן צו גאָט, ער זאָל אונדז באַפרייען, און ער האָט געהערט אונדזער קול און אונדז אַרויסגעצויגן פון מצרים.

און אָט האָבן מיר ביז צו דיר דערשפאַנט, איז, לאָז אונדז, איך בעט דיך, דורכגיין דורך דיין לאַנד! מיר וועלן נישט דורכגיין דורך אַ פעלד אָדער דורך אַ ווייַנגאָרטן, און מיר וועלן נישט טרינקען קיין וואַסער פון אַ

ברונע. מיר וועלן נישט אָפּנייגן רעכטס אָדער לינקס, ביז וואַ־
נען מיר וועלן דורכגיין דיין לאַנד.

האָט אדום געזאָגט צו ישׂראל:

ניין,

איך וועל דיך נישט לאָזן גיין!

און אדום איז אַרויס אַקעגן ישׂראל מיט אַ סך פאָלק און מיט אַ שטאַרקער האַנט און נישט געוואָלט לאָזן ישׂראל דורכ־גיין דורך זיין לאַנד.

און די קינדער פון ישׂראל זענען אָנגעקומען צום באַרג הור, און דאָ איז געפאַלן אויף זיי אַ טרויער, און דער טרויער איז געווען זייער שטאַרק — אהרן איז געשטאָרבן אויפן שפּיץ פון באַרג.

און דאָס גאַנצע הויז פון ישׂראל האָט — איינמיטן גאַנג, איינמיטן וועג — באַוויינט אהרנען דרייסיק טעג.

כא. און דער כנעני, דער מלך פון ערד, דער באַוואוינער פון דרום, האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיין שלום און איז אַרויס קעגן ישׂראל אין מלחמה, האָט ישׂראל אין עטלעכע געגנ אים געטון אַ צעטרעט, געמאַכט אַ תל פון אים און פון זיינע שטעט.

און זיי האָבן געצויגן פונעם באַרג הור אויפן וועג פון ים־סוף, כדי צו גיין אַרום דעם לאַנד אדום, און ווי זיי זענען אַזוי געגאַנגען, איז אויף זיי אָנגעשיקט געוואָרן פייערדיקע שלאַנ־גען. און די שלאַנגען האָבן געביסן — אַז מע זאָל שוין פון אַזוינס נישט וויסן!

האָט משה געמאַכט אַ קופּערנע שלאַנג און האָט זי אַרויפ־

געטון אויף א שטאַנג. און אַז אַ שלאַנג האָט עמיצן א ביס געטון, האָט יענער נאָר אויף דער קופּערנער שלאַנג אַ קוק געטון און אויס — דער גיפט איז אַרויס.

און די קינדער פון ישראל האָבן ווייטער געצויגן און גע־רוט, גערוט און געצויגן, ביז זיי האָבן דערזען א ברונע פאַר די אויגן. און פון דאָרט, פון דער ברונע, וואָס זיי האָבן געפונ־נען, האָבן זיי געצויגן ווייטער־ווייטער, ביז צו דעם טאָל, וואָס אין פעלד פון מואָב און אויך דאָרט האָבן זיי נישט געקענט זאָגן: נעם און דיין היים דיר בוי־אויף.

און ישראל האָט געשיקט שלוחים צו סיחון דעם מלך פון אמורי, אזוי צו זאָגן:

מיר קומען זיך נישט שלאָגן.
מיר האָבן שוין ביז צו דיר דערשפּאַנט,
איז, לאָז אונדז נאָר דורכגיין דורך דיין לאַנד!

מיר וועלן נישט אָפּנייגן אין א פעלד אָדער אין א ווייַנ־גאָרטן, און מיר וועלן נישט טרינקען קיין וואַסער פון א ברונע, ביז וואַנען מיר וועלן דורכגיין דיין לאַנד.

אָבער סיחון האָט נישט געלאָזט ישראל דורכגיין און איז אַרויס קעגן אים, צו דער מדבר, מיט אַ שטאַרקער האַנט. און ישראל האָט אים צעשלאָגן, און איינגענומען פון אַרנון ביז יבוק — זיין לאַנד.

נאָך דערנאָך איז צווישן די קינדער פון ישראל געוואָרן א געטומל, א געשריי — עוג דער מלך פון בשן איז אַרויס קעגן זיי.

און זאָגן איז געזאָגט געוואָרן צו די קינדער, אזוי צו זאָגן:
נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן,

ס'איז דאָ אַ שטעקן!

האָבן די קינדער זיך געטון אַ קוק־איבער, איז יעדער פון זיי געוואָרן אַ גיבור.

איינער איז אַרויס אויבן־אָן
מיט דער פאָן.

צוויי זענען אַרויף אויף לייטערס
מיט די זילבערנע טרומייטערס.

דריי האָבן אַ כאַפּ־געטון די שטאַנג
מיט דער קופּערנער שלאַנג.

פיר האָבן אַ נעם־געטון דעם שטעקן
ביי זיינעביידע עקן.

פינף האָבן גענומען קייען די מאַנדלען,
וואָס אויפן שטעקן האָט געוואַקסן.

און נאָכן עסן האָבן אַלע זיך גענומען צו עוג דעם מלך פון בשן, אים טרעסען ביי די אַקסלען.

און זיי האָבן אים אריבערגעלייגט און אים אָפּגעשמיסן, אים און זיינע זין און אַלע מיט אים, אַז ער איז געבליבן צו שפּאָט און צו שאַנד, און זיי האָבן געארבט זיין לאנד.

כב. און די קינדער פון ישראל האָבן אַוועקגעצויגן, ביז אויף יענער זייט ירדן, ביי יריחו און האָבן דאָרט גערוט — איי־דער מע נעמט ווייטער עפּעס און מע טוט.

משה טוט ארויף אויף א שטאנג
די קופערנע שלאנג.

בלק

און ב ל ק דער מלך פון מואב אין יענער צייט, האט געזען וואס ישראל האט געטון צום אמורי, האט ער מורא געהאט, אז ער וועט אויך אים מאכן פאר אויס לייט. האט ער געשיקט שלוחים צו בלעם דער זון פון בעורן, אז אזוי און אזוי זאלן זיי אים אריינשרייען אין די אויערן:

דו ווייסט שוין אוודאי די ידיעות די נייע,
פון דעם פאלק וואס איז ארויסגעגאן פון מצרים.

דו ווייסט דאס בעסער אליין, דארפסט דאס ביי מיר נישט צו פרעגן.

דאס פאלק האט פארדעקט דעם אנבליק פון דער ערד, און זיצט מיר דא אנטקעגן.

און אצינד קום, איך בעט דיך, און שעלט מיר דאסדאזיקע פאלק, אפשר — מיט דער קללה פון דיין מויל — וועט מיין האנט זיי פארטרייבן פון לאנד.

איך וועל דיר די טובה קיינמאל נישט פארגעסן. איך וועל דיך דערפאר אפגילטן און אפגאלטן, ווארום איך ווייס, אז וועמען דו בענטשסט, דער איז געבענטשט און וועמען דו שעלטסט דער איז פארשאלטן.

און אַז וויסן האָבן זיך דערוואוסט דערפון די קינדער פון ישראל, איז געוואָרן א געלעכטער אויף בארג און טאָל.

ס'האָט א מאַך געטון איינער א קליינער:
וואָס זאָגסטו נישט צו זיינע יאָר?
שעלטן גאָר!

און ס'האָט א לאַך געטון א צווייטער — עלטער פון יענעם און גרעסער —:

שעלטן זיך, קען איך בעסער!
און א דריטער האָט א באַטראַכט געטון:

ניין,
שעלטן איז נישט שיין.
שעלטן שעלט דער,
וואָס קען נישט מער.

און ענטפערן האָט בלעם געענטפערט צו די שלוחים פון מואָב, אז ווי אַ זאַך טוט זיך אַ מאַך, זאָלן זיי דאָ איבערנעכטיקן די נאַכט. און אויף מאָרגן, אינדערפרי, האָט ער זיי געזאָגט, אז אומזיסט איז זייער מי.

און זיי זענען אוועקגעגאַנגען צו בלקן און האָבן אים געזאָגט: ניין, בלעם האָט נישט געוואָלט גיין.

האָט בלק ווידעראמאָל געשיקט האַרן, מער און אָנגעזעענע פון יענע — אפשר וועלן זיי אים קענען נעמען. נאָר ענטפערן האָט ער זיי געענטפערט, אז ער וועט נישט גיין שעלטן, אפילו נישט פאַר אַלע געלטן. אָבער ווי א זאַך טוט זיך אַ מאַך, זאָלן זיי דאָ איבערנעכטיקן די נאַכט. און אינדערפרי האָט ער גענומען רעדן עפּעס צווישן די ציין, אַז — גיין וועט ער גיין. און

ער האָט אָנגעזאָטלט זיין אייזל און זיך געלאָזט מיט די האַרן, זיי לענגער נישט צו לאָזן האַרן.

און א מלאך פון גאָט האָט זיך אים געשטעלט פאַר א שטער אין וועג. האָט דאָס אייזל דערזען דעם מלאך שטיין, מיט א שווערד, אויפן וועג, האָט עס אָפּגענייגט פון וועג און אַרויף אויף א שטעג. און בלעם האָט געשלאָגן דאָס אייזל, כדי עס צוריק צו פאַרקערעווען אויפן וועג.

האָט דער מלאך פון גאָט פאַרצאָמט די שטעג און דעם וועג, פון ביידע זייטן, אז בלעם זאָל נישט קענען רייטן. און דאָס אייזל האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואנט און צוגעדריקט בלעמס פוס צו דער וואַנט. און בלעם האָט עס ווידער געשלאָגן פאַרוואָס סע וויל אים נישט טראָגן.

איז דער מלאך פאַרלאָפן פאָרויס און זיך געשטעלט אַזוי געשיקט און פלינק, אז ס'איז נישט געווען זיך אָפּצובייגן, נישט רעכטס, נישט לינקס. און דאָס אייזל האָט זיך אַנידערגעלייגט אונטער בלעמען דאָרט, נישט צו רירן זיך פון אָרט. און דער צאָרן פון בלעמען האָט געגרימט, ער האָט געמיינט, אז ער וועט זיך עקן און ער האָט געשלאָגן דאָס אייזל מיט א שטעקן.

האָט גאָט געעפנט דאָס מויל פון דעם אייזל און ס'האָט געזאָגט צו בלעמען, אזוי צו זאָגן: וואָס האָב איך דיר געטון, וואָס דו האָסט מיך שוין דריי מאָל געשלאָגן?

האָט בלעם געזאָגט צו דעם אייזל: ווייל דו האָסט געשפּעט פון מיר, מיך צוגעשפּאַרט צו דער וואנט — איך וואָלט דיך געהרגעט, ווען איך וואָלט געהאט א שווערד אינדערהאנט.

האָט דאָס אייזל געזאָגט: בין איך דען נישט דיין אייזל, וואָס דו האָסט געריטן אויף מיר דיין גאַנץ לעבן, ביז היינ־

טיקן טאָג? זאָג אַליין, דו, צי האָב איך דיר אַמאָל אַזוינס געטון!

האָט ער געזאָגט: ניין, דו פלעגסט קיינמאָל נישט בלייבן שטיין.

און ער האָט דערזען דעם מלאך שטיין, מיט זיין שווערד אַרויסגעצויגן, און ס'האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן.

און דער מלאך האָט צו אים געזאָגט: ווען דאָס אייזל וואָלט נישט געווען אָפּגענייגט פון מיר, ווען סע וואָלט זיך נישט געווען די עצה געגעבן, וואָלט איך דיך געווען געהרגעט און דאָס אייזל — געלאָזט לעבן.

האָט בלעם געזאָגט צו דעם מלאך: איך זע שוין, אַז איך בין נאַרישער פון מיין אייזל, אַז וואו איך גיי, פאַל איך. איז, אויב דו ווילסט נישט, אַז איך זאָל גיין שעלטן, וועל איך עס נישט טון, אפילו ווען זיי זאָלן קערן וועלטן.

האָט דער מלאך געזאָגט: גיי מיט די האַרן און זאָלן זיי זיך נאַרן. אָבער נאַר דאָס וואָרט, וואָס איך וועל צו דיר רעדן, דאָס זאָלסטו זאָגן פאַר יעדן.

און בלק האָט געהערט, אַז בלעם איז שוין אויף די וועגן, איז ער אים אַרויסגעגאַן אַנטקעגן. און ער האָט אים אויפגענומען מיט זיסע ריידעלעך, אַז ער האָט געהייסן אָפּקאָכן פאַר אים קניידעלעך, און מאַכן זיסע טאָרטן, און וועט אים פירן ווייזן דאָ און דאָרטן. און ער האָט אים מכבד געווען מיט ברונע-וואַסער, לויטער ווי קרישטאָל. און ער האָט אים אַרויפגעפירט קיין במות-בעל, ער זאָל פון דאָרטן זען א טייל פון דעם פאָלק ישראל.

כג. און קוקן האָט בלק שוין אַרויסגעקוקט אויף א קללה, א
פלוך. און בלעם האָט אָנגעהויבן זיין שפּרוך:

ווי קען איך דען שעלטן,
ווען גאָט שעלט נישט?
און ווי קען איך דען פלוכן,
וועמען גאָט פלוכט נישט?

פון שפּיץ פון די פעלזן זע איך דאָס פאָלק,
און פון די הייכן קוק איך עס אָן —
א פאָלק וואָס רוט באַזונדער,
מיט זיין פלאַטערנדיקער פאָן.

מע זעט נישט קיין אומרעכט אין יעקב,
און מע מערקט נישט קיין עוולה אין ישראל.
נישטאָ איז קיין כישוף אין יעקב,
און קיין וואָרזאָגעניש אין ישראל.

כד. אַזוי רעדט בלעם דער זון בעור
און אַזוי רעדט דער מאַן מיטן אָפענעם אויג —
אַזוי רעדט דער וואָס הערט גאָטס ווערטער,
הערט זיי און בלייבט נישט געטויט.

ווי שיין זענען דיינע געצעלטן, יעקב,
דיינע וואוינונגען, ישראל!
ווי טייטלביימער זענען זיי אויסגעשטרעקט,
ווי גערטנער ביים טייך.

און דערהויבן וועט זיין דיין מלוכה,
און גאָט וועט פאַרצערן דיינע פיינט.
און געבענטשט וועלן זיין די וואָס בענטשן דיך,
און פאַרשאָלטן די וואָס שעלטן דיך.

האָט דער צאָרן פון בלקן געגרימט אויף בלעמען און ער האָט א פאַטש געטון מיט די הענט: איך האָב דיך שוין רעכט דערקענט! דו ביסט דאָך גאָרנישט קיין מענטש! צו שעלטן זיי האָב איך דיך גערופן, צום סוף גאָר בענטשן האָסטו זיי גע־בענטשט. און אַצינד פאַרנעם דיך פונדאַנען.

און בלעם האָט זיך פאַרהויבן די פאָלעס און גענומען שפאַנען.

כה. און ישראל איז פאַר גרויס גדולה געוואָרן צעטומלט און צעדרייט, אין זיינע טאַונגען און אין זיינע רייד. זיי האָבן פון זיך אַליין גענומען אָפּהוזקן און אָפּלעצן און זיך באַהעפט מיט דעם בעל פון פעור און אַנדערע געצן.

און אַריינכאַפּן האָט זיך עס אין זיי אַריינגעכאַפּט, ווי א מגפה. און פינחס דער זון פון אליעזרן דעם זון פון אהרן הכהן איז אויפגעשפּרונגען פון צווישן דער עדה און געלאָפן ראַ־טעווען ווי פון א שרפה און אָפּגעשטעלט די מגפה.



דאס אייזל שפארט־צו בלעמען
צו דער וואנט

פינחס

און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: דערפאַר וואָס פינחס איז נישט געוואָרן צעטראָגן, און געהאָלפן די מגפה אָפּשטעלן, איז ער אין מיינע אויגן וואוילגעפעלן. דער־פאַר וואָס ער האָט געראַטעוועט, ווי פון א שרפה, צומניכסטן, צומשנעלסטן, וועל איך אים מאַכן פאַר אַן עלצטן.

האָבן א סך פון די קינדער פון ישראל געוואָלט, אַז מע זאָל זיי אויך אַמאָל מאַכן פאַר עלצטע.

איינער האָט געזאָגט, אַז די מעשה מיטן בעל פון פעור האָט ער נישט געהערט אפילו אויפן לינקן אויער. וואָס איז ער עפּעס א לעקיש, אַ ליץ, אַז ער זאָל דינען צו א געץ.

אַ צווייטער האָט געוויזן די מוסקולן זיינע, געמאָסטן זיין כוח, און ווי ברייט ער איז און הויך.

א דריטער האָט א פרעג געטון, ווער סע קען זיך אונטער־נעמען די האַנט אים צו לייגן, פון דעם וועט ער זיך לאָזן ברעכן און בייגן. מיט דער־אָ האַנט נעמט ער זיך אונטער צען פיינט, צען מדינים צו לייגן.

א סך האָבן געריימט זייער אויפפירונג און דערציילט פון

זייער קראַפט און פאָדערן האָבן זיי געפאָדערט, אַז אויך זיי דאַרפן עלצטע ווערן:

אויך מיר קומט גילדענע קנעפּ!

אויך מיר קומט גילדענע שטערן!

כו. און משה האָט גערעדט צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: מע זאָל אויפנעמען פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, די דאָ־געבוירענע און די וואָס זענען אַרויסגעגאַן פון לאַנד מצרים — די אַלע וואָס גייען פאַר זעלנער, וואָס גייען אַרויס אין חיל.

און דאָס איז די צאָל פון די געציילטע קינדער פון ישראל — וואָס זענען געווען פעאיק פאַר זעלנער, פעאיק און פליי־סיק — זעקס הונדערט טויזנט און טויזנט זיבן הונדערט און דרייסיק.

און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: צו די־אָ אַלע זאָל איינגעטיילט ווערן דאָס לאַנד פאַר אַ נחלה — נישט איינער זאָל הונגערן און דער צווייטער זאָל אכלען.

און צו די וואָס זענען מער אין צאָל, זאָלסטו געבן מער און צו די וואָס זענען ווינציקער, זאָלסטו ווינציקער געבן, כדי אַלע זאָלן קענען פירן אַ גלייך לעבן.

און ווי גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי האָט משה געטון אַלעמאָל. און גרויס איז געווען די ליבשאַפט פון משהן צו די קינדער פון ישראל.

און אינמיטן האָט איינער אַ פרעג געטון, צי אַלע ווייסן, ווי משהס טאַטע־מאַמע האָבן געהייסן.

ווער קען אָנרופן און ווער קען אויסרעכענען? ווער איז אַזאַ בריה?

און קהת האָט געבוירן עמרמען.
און דער נאָמען פון עמרמס ווייב, איז געווען יוכבד.
און זי האָט פון עמרמען געבוירן
אהרנען און משהן, און זייער שוועסטער מרים.

כז. האָבן געגענט די טעכטער פון צלפחד און האָבן זיך געשטעלט פאַר משהן, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס קומט אונדז גאָרנישט נישט צו פאַרמאָגן? אונדזער פאָטער איז געשטאָרבן, אָבער זיין אָנדענק איז אונדז הייליק, קומט אונדז זיין חלק.

און משה האָט צו זיי געזאָגט גאָטס רייד, אַז זייער פאָטערס נחלה וועט איבערגיין צו זיי.

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: גיי אַרויף אויף דעמדאָזיקן באַרג עברים און קוק אָן דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן צו די קינדער פון ישראל. קוק עס אָן איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

האָט משה גערעדט צו גאָט: זאָל גאָט דער האַר ארויפזעצן א מאַן איבער דער עדה, וואָס זאָל אַרויסגיין זיי פאָרויס און וואָס זאָל אריינקומען זיי פאָרויס. וואָס זאָל זיי אַרויספירן און וואָס זאָל זיי אריינברענגען. זיי זאָלן נישט זיין, ווי שאָף אָן א פאַסטעך.

און פריי איז דאָס פעלד.
און גרויס איז די צאָל פון די וועלט.

און די שעפעלעך הייבן די קעפּ אין דער שרעק:
קום צו אונדז, פּאַסטעך און העלף!
האָט גאָט געזאָגט צו משהן: נעם דיר יהושוע דעם זון פון נון, מיט אים וועסטו אַלץ קענען טון. ער איז צו דעם ראוי, זאָלסטו אים בענטשן און איבערגעבן דיין צוואה. און משה האָט גענומען יהושוען דעם זון פון נון און אַלץ אַזוי געטון.

כח. און משה האָט גערעדט צו די קינדער פון ישראל וועגן שבת און ראש־חודש און זיי געפרעגט, צי זיי ווייסן זיך עפּעס אָנצורופן פון די יום־טובים. האָט איינער זיך אָנגערופן:
אוודאי ווייס איך!
אין ערשטן חודש, אויפן פופצנטן טאָג, איז פּסח.
און שבועות איז דער יום־טוב פון בכורים.
און אין זיבעטן חודש, אויפן ערשטן טאָג, איז ראש־השנה.
און אויפן צענטן טאָג פון דעם זעלבן חודש, איז יום־הכפורים.

כט. און אַ צווייטער האָט זיך אָנגערופן, אַז אויפן פופצנטן טאָג פון זיבעטן חודש איז סוכות. און אַז ער קען מאַכן גילדענע פייגעלעך מיט בלישטשענדיקע אייגעלעך. און ער קען זיי שוין ברענגען, אין סוכה אַריין זיי אויפצוהענגען.

ל. און משה האָט זיך אַזוי צוגעקוקט, ווי אַזוי מע שפּילט זיך מיט די קינדער, מע פאַרברענגט מיט זיי, מע רעדט צו זיי מיט גוטן, קען מען ביי זיי אַלץ פועלן. און משה האָט אָנגעזאָגט די קינדער פון ישראל, אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפוילן.

די שעפעלעך הייבן די קעפ אין דער שרעק

מטות

מ ט ו ת — די שבטים. משה האָט געטראַכט, ווען סע גע־ראָט אים אויפצוקלערן אַלע שבטים, א נישט כאָטש די הויפּטלייט פון זיי, די הויפּטלייט אַליין צו געבן צו פאַרשטיין.

און משה האָט גערעדט צו די הויפּטלייט פון די שבטים, וואָס גאָט האָט געזאָגט: אַז אַ נדר צי א שבועה, איז נישט סתם עפּעס א זאָג.

און אַז צו דערציען קינדער, איז נישט ווי צו פּאַשען שאָף און רינדער.

און אַז קיין גוטע זאַכן זאָל מען די קינדער נישט פאַר־ווערן, וואָס ווינציקער זיי צו שטערן, וועלן זיי וואוילע מענטשן ווערן.

דאָס זענען די געזעצן צווישן קליין און גרויס — פאַר על־טערן און זייערע קינדער — אין די עלטערנס הויז.

לא. און משה האָט גערעדט צום פאָלק, אַזוי צו זאָגן: זאָלן
ארויסטרעטן די־אלע מיט די הויכע קעלנער, די־אלע

וואָס טויגן פאַר זעלנער, א סך־א סך און גיין אויף מדין.

וואָרום די מדינים האָבן געוואָלט מאַכן די קינדער פון ישראל פאַר נאַראָנים און אָנגערעדט זיי, צו דינען צו דעם בעל פון פעור, קומט די מדינים אָנצודרייען אַן אויער.

און משה האָט זיי געשיקט און מיט זיי מיטגעשיקט —

אַ פאָן פאַרן אויבנאָן.

א שטעקן מיט צוויי עקן.

און געפרייטערס מיט טרומייטערס.

און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די מדינים און האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ. און די קינדער פון ישראל זענען צוריקגעקומען מיט פולע קעשענעס מיט קנעפּ.

לב. און די קינדער פון שבט ראובן און די קינדער פון שבט גד זענען געקומען צו משהן און זיי האָבן געזאָגט: דאָס לאַנד יעזר און דאָס לאַנד גלעד זענען ערטער פאַר פי — און מיר האָבן א סך פי — זאָלסטו אונדז נישט אריבערפירן דעם ירדן, נייערט אונדז געבן דאָס דאָזיקע לאַנד, און מיר זאָלן בלייבן הי.

האָט משה געזאָגט צו זיי:
זייער נישט שיין,
אַז אייערע ברידער זאָלן גיין אין מלחמה
און איר זאָלט זיי לאָזן אַליין!

האָבן זיי געזאָגט: מירן זיין גרייט, באַוואָפנט, פאַר די קינדער פון ישראל און מלחמה האַלטן פאַר זיי, ביז וואַנען זיי וועלן קומען אין דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט צוגעשוואוירן צו אברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן נאָך פון אַמאָל.

אויב אַזוי, איז רעכט, וועט געטון ווערן, ווי איר בעט. — האָט משה צו זיי געענטפערט — און ער האָט זיי, דעם שבט גד און דעם שבט ראובן און דעם האַלבן שבט פון מנשה, געגעבן דאָס קיניגרייך פון סיחון דעם מלך פון אמורי, און דאָס קיניגרייך פון עוג דעם מלך פון בשן. דאָס קיניגרייך פון די דאָזיקע מלכים וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן דאָס לשון.

מסעי

לג. מ ס ע י — די ציאונגען. דאָס זענען די ציאונגען פון די קינדער פון ישראל, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אז קיינער וויל זיי נישט פאַרנאַרן, און זיי זענען ארויסגעגאַן פון לאַנד מצרים, אונטער דער האַנט פון משה און אהרן.

און משה האָט פאַרשריבן זייער ציען און זייער אַרויס־גיין — אַזוי לאַנג און אַזוי גרויס — וואו זיי האָבן געצויגן און פונוואַנען זיי זענען אַרויס.

זיי האָבן געצויגן פון רעמסס אין ערשטן חודש — אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די מעשה די נייע — אין פופצנטן טאָג פון ערשטן חודש זענען די קינדער פון ישראל ארויסגעגאַן מיט א שטאַרקער האַנט פאַר די אויגן פון גאַנץ מצרים.

און די קינדער פון ישראל האָבן געצויגן פון רעמסס און גערוט אין סוכות. און זיי האָבן געצויגן פון סוכות און גערוט אין אתם, וואָס ביים עק מדבר. און זיי האָבן געצויגן — ווייטער און ווידער,

אין דער הייך און אין דער נידער
און זיך שיעור נישט צעבראָכן די גלידער.

און זיי זענען אריבער דעם ים. דאָס איז געווען אַ גאַנג א

שפּאַן. און דורכן ים צו דער מדבר און — ווייטער און ווידער, אין דער הייך און אין דער נידער.

און זיי זענען געקומען קיין אילם, און אין אילם זענען געווען צוועלף וואַסער־קוואַלן און זיבעציק טייטלביימער, און זיי האָבן דאָרט גערוט. וואָס איינער האָט געוואָלט, האָט ער געטון.

איינער האָט געטון אַ שלונג וואַסער.
אַ צווייטער האָט פאַרזוכט אַ טייטל.
און אַ דריטער האָט פון אַ צווייגל
זיך אויסגעפלאָכטן אַ קייטל.

און זיי האָבן געצויגן פון אילם און גערוט ביים ים־סוף. און זיי האָבן געצויגן פון ים־סוף און גערוט אין מדבר סין. און — ווייטער און ווידער, אין דער הייך און אין דער נידער — זיי זענען געוואָרן מיד און מידער.

איין קינד האָט געבעטן, אַז מע זאָל עס נעמען אַביסל אויף די פּלייצעס.

אַנדערע קינדער האָבן זיך געוואָלט שפּילן אין „פערד־לעך", האָבן זיי נישט געהאַט קיין לייצעס.

איינס האָט געוואָלט עסן, איינס — טרינקען. מ'האָט זיך נישט געקענט געבן מיט זיי קיין עצה.

עפּעס האָט געפעלט אומעטום און אַ יעדן. ביז זיי זענען אָנגעקומען און גערוט באַם באַרג הור, אין עק פון לאַנד אדום.

און אהרן הכהן איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג הור —

אין ערשטן טאָג אין פֿינפֿטן חודש, אין דעם פֿערציקסטן יאָר נאָך דעם ווי די קינדער פֿון ישׂראל זענען אַרויסגעגאַן פֿון מצרים — און ער האָט זיך דאָרט אויף אייביק שוין געטון א פֿאַרהאַלט. און אהרן איז דעמאָלט געווען הונדערט און דריי־און־צוואַנציק יאָר אַלט.

און משה האָט גערעדט צו די קינדער פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: סע זענען פֿאַראַנען זאַכן, וואָס זענען נישט צום פֿאַרטראָגן. אַז איר וועט אַריבערגיין דעם ירדן קיין לאַנד כנען, איז, וואָס סע זאָל נישט זיין, זאָלט איר געדענקען אונטערצוברענגען אַלע זייערע געצן — דאָס איז איינס פֿון די חוקים, די געזעצן.

לד. און דאָס זענען די נעמען פֿון די עלצטע, וואָס זאָלן אַרבן פֿאַר אייך דאָס לאַנד — וואָס איר זאָלט גיין אונטער זייער האַנט: אלעזר הכהן און יהושע דער זון פֿון נון. אַז איר וועט זיי פֿאָלגן, וועט אייך קיין שלעכטס נישט אַרויסקומען דערפֿון.

לה. און איר זאָלט אייך באַשטימען שטעט פֿון אַנטרינונג, אַז אַהין זאָל אַנטלויפֿן דער וואָס האָט פֿאַרגאָסן מענטשן־בלוט דורך א פֿאַרזען. ער זאָל אהין אַנטלויפֿן, ווארום אים קומט נישט צו טויטן, וואָרום אַלץ קען אומגערן געשען.

און איר זאָלט נישט אָננעמען קיין אויסלייז פֿאַר אים, פֿאַר דעם וואָס איז אַנטלאָפֿן אהין. דאָס וואָלט געווען א זינד און אַ שאַנד. און איר זאָלט נישט זינדיק מאַכן דאָס לאַנד, וואָס איר זיצט דערינען, וואָרום בלוט — דאָס מאַכט זינדיק דאָס לאַנד.

לז. דאָס זענען די געבאָט און די געזעצן — און נאָך און א סך — וואָס משה האָט געלערנט מיט די קינדער אין דער מדבר. און האָט זיי צוגעזאָגט מילך און האָניק, און ברויט מיט קימל. און ווער ס'איז מיד פון דעם גיין און ציען, קען דערווייל כאַפּן א דרימל.

און לייטערן האָט זיך גענומען אויסלייטערן דער הימל און פאַרשווינדן האָבן גענומען פאַרשווינדן די פייגל די שוואַרצע, וואָס זענען די קינדער נישט געווען צום האַרצן.

און נאָך דעם לאַנגן וואַנדערן האָט אַ זיסער שלאָף זיך פאַרצויגן איבער די קינדערס אויגן.

א זיסער שלאָף, א זיסער חלום:

זיי גייען אַלע באַנאַנד
אין זייער געבענטשט לאַנד

און — שלום, שלום, שלום.

דברים

דברים

דברים — — — — — — — — — — — —	זייט	297
ואתחנן — — — — — — — — — — — —	„	303
עקב — — — — — — — — — — — —	„	309
ראה — — — — — — — — — — — —	„	313
שופטים — — — — — — — — — — — —	„	317
כי תצא — — — — — — — — — — — —	„	323
כי תבא — — — — — — — — — — — —	„	327
נצבים — — — — — — — — — — — —	„	333
וילך — — — — — — — — — — — —	„	337
האזינו — — — — — — — — — — — —	„	341
וזאת הברכה — — — — — — — — — —	„	345

דברים

א. ד ב ר י ם — די ווערטער — פון אַמאָל, פון משהן צו ישראל.

דאָס זענען די ווערטער, וואָס משה האָט גערעדט צו די קינדער פון ישראל אויף אַלע ערטער.

און איבערחזרן האָט ער געטון פאַר זיי איבערחזרן די דאָזיקע אַלע רייד, וואָס אין דער תורה שטייט, כדי זיי זאָלן נישט פאַרגעסן וואו זיי האָבן געצויגן און וואו זיי זענען געזעסן.

און דערעיקר, אַז גאָט איז מיט זיי און זיי זאָלן זיך נישט שרעקן, פאַר גאָרנישט נישט האָבן קיין מורא. אַזוי האָט משה גענומען פאַר זיי באַשיידן די תורה.

און די קינדער, וואָס האָבן זיך גוט געלערנט און וואויל זיך געשפּילט — די קינדער מיט די גוטע קעפּלעך, וואָס האָבן געוואונען אַלע קנעפּלעך — האָבן געדענקט אַלע ספרים, ביז דברים.

און ווי גאָט האָט געשוואוירן צו אברהם, יצחק, יעקב, צו געבן זיי דאָס לאַנד כנען, צו זיי און צו זייערע קינדער. און דעם לאַנגן, שווערן גאַנג אין מדבר.

און די קינדער זענען געשטאַנען גרייט, טאָמער גיט מען

זיי א פרעג וואָס פאַראַ סדרה סע גייט. און משה האָט זיי דערמאַנט, וואָס ער האָט זיי אַמאָל געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:

איך אַליין קען אייך נישט טראָגן.
איר זענט צו שווער פאַר מיינע פּלייצעס.
מע דאַרף געפינען עפּעס אַן עצה.

אָט לעבט איר אייך גוט און אָט הייבט איר אייך אָן צו שלאָגן.

איך אַליין קען אייך נישט דערטראָגן.

נעמט אייך קלוגע און פאַרשטאַנדיקע און געניטע לייט און איך וועל זיי מאַכן פאַר אייערע הויפּטלייט. האָט איר געענטפערט און געזאָגט: „קלוג ווי דער טאָג“.

האָבן די קינדער גענומען זיך איבערקוקן און שאָקלען מיט די קעפּ אויף יאָ, גלייך ווי זיי וואָלטן געזאָגט: פּונקט אַזוי־אָ. פּונקט אַזוי־אָ איז עס געווען.

נאָר דערנאָך וואָס איז געשען?

דערנאָך ווען מ׳האָט שוין געהאַלטן ביים אריינגיין אין לאַנד, ווען מ׳האָט שוין געהאַט אויסגעקוקט דאָס לאַנד, זענען זיי געבליבן ווייס ווי די וואַנט, אויף טויט זיך דערשראָקן און געבליבן שטיין ווי א פלאָקן.

און משה האָט געזאָגט צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: פירן טוט איר אייך פירן אַנדערש, ווי איך האָב אייך געלערנט און מיט אייער שרעקן זיך האָט איר גאָט דערצערנט.

און איבערקוקן האָבן די קינדער זיך גענומען איבער־

קוקן און שאָקלען מיט די קעפּ אויף יאָ, אַז פּונקט אַזוי־אָ איז עס געווען, פּונקט אַזוי־אָ.

דערנאָך איז געוואָרן אַ געשלעג, זאָל מען שוין מער פון אַזוינס נישט וויסן! זיי זענען געבליבן אָפּגעריסן און אָפּגע־שליסן, צעדראַפּעט דאָס פּנים און פאַרשעמט, אַז ס'האָט ביים האַרץ פאַרקלעמט.

ב. און די קינדער פון ישראל האָבן זיך אָפּגעקערט פון יע־נעם וועג און זיי האָבן געצויגן צו דער מדבר, אויפן וועג פון ים־סוף און זיי האָבן, נאָך יענעם געשלעג, ארומגעדרייט זיך אַרום דעם באַרג שעיר אַ סך טעג.

און משהן איז דעמאָלט געזאָגט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן: גענוג שוין ארומצוגיין דעמדאָזיקן באַרג. מע דאַרף זיך פאַר־נעמען אויף צפון און נישט בלייבן שטיין, נייערט ווייטער גיין, ביז דעם טייך זרד אריבערצוגיין. דער עיקר ביז סע וועט נעמען אַ סוף צו אַלע שלעגער און קריגער און סע וועט נישט בלייבן פון זיי קיין איין זיגער.

און דערמאנען האָבן די קינדער זיך געטון דערמאנען די מעשה מיטן מלך סיחון, ווי ער האָט געטון פאַר זיי אויף אַלע פיר קריכן און זיי גענומען בעטן, אַז זיי זאָלן אים נישט אויפן הינעראָויג אָנטרעטן. האָבן זיי אים איבערגעקערט די קעשענעס און אויסגעשמירט דאָס פּנים, ווי סע פּאַסט פאַר אַ מלך פון נאַראָנים. וואָרום מאַכן האָט ער פאַר די קינדער געטון מאַכן אַ וואַנט, נישט געלאָזט זיי דורכגיין דורך זיין לאַנד. פאַר דעם און דערפאַר האָבן די קינדער אים געמאַכט צום נאַר.

ג. און די קינדער זענען אַרויס מיט לשון און גענומען דער־
ציילן די מעשה מיט עוג מלך הבשן.

דאָס זעלבע איז געשען מיט דעם מלך עוג. די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין „באַהאַלטן", איז ער אַרויס קעגן זיי מלחמה האַלטן. האָבן די קינדער גענומען דעם גאַנצן מלך עוג און אים אונטערגעהאַקט אַן אויג, אַז ער האָט זיך שוין מער נישט געקענט טון קיין בייג און קיין בויג.

און געפירט האָבן זיי געפירט א קריג נאָך א קריג און אָפּגעהאַלטן האָבן זיי אָפּגעהאַלטן א זיג נאָך א זיג. און די־אַלע העלדישע יונגען האָבן א זיג־מאַרש געזונגען.

און זיי האָבן שוין מער נישט קיין מורא געהאַט. און נישט געווען איז צווישן זיי שוין קיין „יאָ" און קיין „ניין". און גאָט איז געווען מיט זיי.

דאס לאנגע וואנדערן
דאס ארומדרייען זיך ארום א בארג

ואתחנן

ו א ת ח נ ן — און איך האָב געבעטן — משה האָט דער־דערמאנט ישראל וועגן זיינע פיינט, אַז זיי זאָלן אויף קיין גוט אָרט נישט טרעטן.

ו א ת ח נ ן — און איך האָב געבעטן דעמאָלט צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: אַז דו האָסט דיך שוין גענומען צו ישראלס פיינט, זאָלסטו זיי שוין ווייטער שלאָגן. דאָס זעלבע וואָס דו האָסט געטון צו סיחונען און צו עוגן, צו די צוויי קיניגרייכן, דאָס זעלבע זאָלסטו טון צו אַלע זייערע גלייכן.

און גאָט האָט צו מיר געזאָגט, אַז נעמען זאָל איך נעמען יהושוען און שטאַרקן אים און פעסטיקן אים, וואָרום ער וועט אַריבערגיין מיט די קינדער דעם דאָזיקן ירדן און דאָס לאַנד זיי מאַכן אַרבן — נאָך מיין טויט, נאָך מיין שטאַרבן.

ה. און אַצינד האָבן די קינדער גענומען איבערחזרן די גע־
זעצן —
פאַר אַן עלטערן זיך נישט צו זעצן.

פון אַ וואָרט
נישט צו מאַכן קיין קוואָרט.

פון אַ העלפאַנט
נישט צו מאַכן קיין פלוי.
נייערט די זאַכן, ווי זיי זענען,
אזוי און אַזוי.

און ווידער געזעצן —
נישט צו מאַכן זיך קיין געצן.

נישט צו מאַכן קיין געשניץ,
קיין געקריץ,
קיין געשטאַלט,
געפאַרבט אויף יונג צי אויף אַלט,

אין געלן צי אין רויטן,
אין ווייסן צי אין שוואַרצן, —
נייערט צו האָבן גאָט אין האַרצן.

און אַז טון וועט טון אומגערן איינער דעם אנדערן אַ שלעכטן טרעט, זאָל ער אַנטלויפן אין איינער פון די דריי אַנטרינונג־שטעט, איידער מע הערט און מע זעט, כדי מע זאָל אים נישט צוריקטון אזא טרעט.

ה. און דערציילן האָט איין קינד גענומען דערציילן, ווי משה האָט זיי אַלע צונויפגערופן און מיט זיי געלערנט פון שבת, פון רו, פון גאָרנישט נישט צו טון.

און אַ צווייט קינד האָט זיך אָנגערופן:

און פון בכבוד האַלטן טאַטע־מאַמע.
און אַנדערע קינדער האָבן זיך אָנגערופן, אַזוי צו זאָגן:

נישט הרגענען זיך, נישט שלאָגן.
נישט גנבענען, נישט רויבן.
נישט פאַלש עדות זאָגן —
נישט שענדן און נישט פאַלש לויבן.

נישט האַלטן אין איין גלוסטן — האָבן אויפגעריסענע אויגן.

די צען געבאָט,
אַלע ווערטער פון גאָט.

ו. און משה האָט געזאָגט צו ישראל, אַזוי צו זאָגן: אַז דיין זון וועט דיך שפּעטער פרעגן, ווי אַזוי ס'האָבן געצויגן זיך די וועגן. צי דו ביסט געווען ווינציקער צי מער און ווי אַזוי דו קומסט אַהער?
זאָלסטו זאָגן צו דיין זון: קנעכט זענען מיר געווען ביי פּרעהן אין מצרים, און גאָט האָט אונדז פון דאָרט ארויסגע־צויגן מיט א שטאַרקער האַנט, כדי אונדז צו ברענגען, אונדז צו געבן דאָס דאָזיקע לאַנד.

ז. און אַז דו וועסט שוין זיין אין דעם לאַנד, וואָס דו קומסט אַהין, זאָלסטו אָפּהיטן די־אַלע געזעצן און נישט זיך חברן מיט יענע, וואָס דינען צו געצן, כדי דו זאָלסט דיך נישט אָפּלערנען פון זיי קיין שלעכטע זאַכן, זיך נאַריש צו מאַכן.

האָבן די קינדער פון ישראל זיך איבערגעקוקט און צווישן זיך געערדט, וועגן דעם וואָס ס׳איז געווען און וועגן דעם וואָס זיין וועט.

שווער איז געווען די קנעכטשאַפט אין מצרים, נאָר אַז מ׳איז געוואָרן פריי, איז שוין געווען כדאַי.

שווער איז געווען דער לאַנגער גאַנג אין מדבר, נאָר אַז מע האַלט זיך אינײנעם, ליב און געטריי, איז אַלץ כדאַי.

שווער איז געווען דער אָנהייב פון אַרײַנגיין אין לאַנד, נאָר אַז מע האַלט שוין דערבײַ, איז שוין אַלץ כדאַי.

די בני ישראל זיצן אין א טאל
און לערנען תורה

עקב

ע ק ב — דערפאַר — האָט משה געזאָגט צו ישראל — דערפאַר וואָס דו וועסט נישט זיין קיין נאַר און דו וועסט נישט קיין מורא האָבן, אַז דיין פיינט איז גרעסער פון דיר, איז מער פון דיר, נייערט דו וועסט דיך שטעלן קעגן אים מיט אַ שטאַרקן מוט און אַ זיכערקייט אין האַרצן, וועסטו אים דאָס פנים פאַרשוואַרצן, גאָט וועט געבן דיינע פיינט אין דיין האַנט און דו וועסט זיצן זיכער אין דיין לאַנד.

ח. און וויסן זאָלסטו וויסן, אַז נישט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש, נייערט אויף אַלץ וואָס קומט אַרויס פון גאָטס מויל לעבט דער מענטש.

האָבן די קינדער זיך אַ כאַפ געטון מיט אַ פרייד:
אוודאי! ברויט און אַ קלייד.
און אַ נאַש טון — מע פאַרשטייט.
און פון שפילעכער, איז נישט קיין רייד.

און לערנען זיך און זיך שפילן.
און שפרינגען אין וואַסער אין קילן.

און קלעטערן אויף בערג.
און אַראָפּלאָזן זיך אין טאָל.

אַ לאַנד פון ווייץ און גערשטן און ווייַנשטאָקן און פייגן און מילגרוימען, אַ לאַנד פון איילבירטן און האָניק — דאָס לאַנד פון ישראל.

און דערמאַנען האָט משה געטון דערמאַנען די קינדער פון ישראל אין דער מעשה מיט די פייערדיקע שלאַנגען, האָט איין קינד זיך אָנגערופן, אַז ער קען מאַכן פאַפּירענע שלאַנגען, ביזן הימל צו דערלאַנגען.

און פרעגן האָט משה זיי גענומען פרעגן, צי זיי געדענקען די מעשה מיטן מן, האָבן אַ סך קינדער געענטפערט, אַז יאָ און איין קינד האָט זיך אָנגערופן, אַז ער קען קרייען ווי אַ האָן.

ט. און די קינדער האָבן יענץ קינד געוואָלט אָוועקשטופּן,
ווייל אומעטום רופט ער זיך אָן — וואָס איז ער עפּעס
אַריין אינדערמיט, אַז ער קען קרייען ווי אַ האָן?

נאָר יענץ קינד האָט זיך נישט געלאָזט רירן פון אָרט, ווי אַ באַרג, אַזוי איז עס געווען פעסט און שטאַרק.

און אַ צווייט קינד האָט זיך אָנגערופן, אַז ער קען נישט פאַרגעסן, ווי משה איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג צו נעמען די שטיינערנע לוחות. ער קען נישט פאַרגעסן, ווי משה איז געבליבן אויפן באַרג פערציק טעג און פערציק נעכט, אומגעטרונקען און אומגעגעסן.

און די מעשה איז ערשט האַלב — דערנאָך קומט דאָס געגאָסענע קאַלב. ווי אַ סך זענען פאַרנאַרישט געוואָרן, ווי

זיי וואָלטן אויף פיר פיס געקראָכן, און משה האָט די לוחות צעבראָכן.

י. אין יענער צייט איז משה נאָכאַמאָל ארויפגעגאנגען אויפן באַרג און אַראָפּגענידערט מיט די אַנדערע צוויי לוחות, מיט די צען געבאָט, פון גאָט. און ער האָט די לוחות אריינגעטון אין אָרון. און ס'האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן דאָס ציען, דאָס פאָרן.

יא. און אין דעם גאנג האָבן די קינדער געזונגען א געזאַנג, ווי זיי וועט גוט זיין אין זייער לאַנד.

פרידן אויף נאָענט און ווייט.
און רעגן אין צייט.
און תבואה און ווייגען און אייל.
און קיינעם נישט פאַרטיילט.

פאַר יעדערנס אַרבעט,
פאַר יעדערנס מי,
און גראָז אין פעלד
גענוג פאַר די פי.

און קיינער וועט נישט אָנפאלן
אויף דעם דאָזיקן לאַנד.
און קיינער וועט נישט אויפהייבן
אויף ישראל זיין האַנט.

ראה

ר א ה — זע. משה האָט געזאָגט צו ישראל, אַזוי צו זאָגן:

ר א ה — זע. אַז דו וועסט דיר געבן די מי, וועסטו דערזען און פאַרשטיין פון וואָס סע קומט אַרויס פריד און רו און פון וואָס סע ווערט א בהלה — וואו סע קומט אריין די ברכה און וואו סע קומט אריין די קללה.

זע דעם באַרג גרזים און דעם באַרג עיבל, די־אָ צוויי בערג זענען אויף יענער זייט ירדן, וואו איר גייט אריבער דאָס לאַנד צו אַרבן. זאָלסטו שטעלן די ברכה אויפן באַרג גרזים און די קללה אויפן באַרג עיבל, און יעדער פון אייך זאָל אויסקלייבן זיין געלויף — אויף וועלכן באַרג ער וויל אַרויף.

יב. האָבן די קינדער זיך אָנגערופן: אַזוי? א מערכה!

וועט דאָך יעדער אַרויף אויפן באַרג גרזים, וואו ס'איז דאָ די ברכה!

האָט משה געזאָגט:

זאָל יעדער אַרויף.

האָבן די קינדער געזאָגט:

וועט דאָך ווערן אַ געלויף.

און אַ טייל קינדער האָבן געזאָגט, אַז באַרג־אַרויף קען נישט זיין קיין געלויף.

און איין קינד האָט זיך אָנגערופן, אַז כדי מע זאָל זען צו וואָסער באַרג יעדן האָט געצויגן, זאָל מען זיך צובינדן די אויגן — קיין שפּאַרקעלע נישט אָפּן — וועט מען זען צו וואָסער באַרג יעדער האָט געטראָפן.

און משה האָט געזאָגט צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: דעם דאָזיקן שפּיל, אין „צובינדן די אויגן", לאָזט איבער אויף שפּעטער. און אַצינד דאַרפט איר וויסן, אַז ווען איר וועט קומען אין דעם לאַנד אַריין, זאָלט איר צעברעכן און צעהאַקן די געצנביימער און געשניצטע געטער.

און איר זאָלט נישט נאָכטון יענע פעלקער און נישט זיך פירן נאָך זייערע געזעצן, וואָרום אפילו זייערע זין און טעכטער פאַרברענען זיי אין פייער צו זייערע געצן.

יג. און אַז צווישן דיר וועט אויפשטיין איינער און זאָגן, אַז ער איז אַ נביא און ער וועט דיך צורעדן, דו זאָלסט נאָכטון יענע פעלקער און גיין אין זייערע וועגן. זאָלסטו אים ענטפערן, אַז פרעגן האָט אים קיינער נישט געטון פרעגן, און מער זאָל ער אַזוינס נישט רעדן, מער זאָל ער זיך אַזוינס נישט דערוועגן.

יד. און דער פרעמדער און דער יתום און די אלמנה, וואָס אין דיינע טויערן, זאָלן דורך דיר נישט טרויערן. דו זאָלסט געדענקען, אַז דו אַליין האָסט גאָרנישט נישט געהאַט, און אַז אַלע זענען גלייך, ווי דו — אַלע דאַרפן עסן צו זאַט.

טו. און זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים, איז, ווען און וואו דיין ברודער איז פאַר־קנעכט, זאָלסטו אים באַפרייען.

טז. און אַז די קינדער האָבן דערהערט וועגן מצרים, האָבן זיי גענומען רעדן פונעם יום־טוב פסח.

אַ מיידעלע האָט זיך אָנגערופן, אַז איר וועט מען מאַכן אויף פסח אַ נייע קליידעלע.

אַ יינגעלע האָט זיך אָנגערופן, אַז פסח וועט ער ארומגיין מיט פולע קעשענעס ניס.

און סוכות — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן — וועל איך אויך שפּילן אין ניס.

דריי מאָל אין יאָר — פסח, שבועות און סוכות — זאָל מען עס איינפירן אויף כסדר, צו מאַכן די קינדער שיינע קליידער און זיי פריי צו לאָזן פונעם חדר.

שופטים

ש ו פ ט י ם — ריכטער.
אַזוינע ריכטער,
וואָס זאָלן משפּטן ניכטער,
גערעכט.
אויף גוט — גוט
און אויף שלעכט — שלעכט.

און משה האָט געזאָגט צו ישראל, אַזוי צו זאָגן: נאָך גע־
רעכטיקייט, נאָך גערעכטיקייט זאָלסטו דיך יאָגן!

איז, מאַכן זאָלסטו דיר מאַכן ריכטער און אויפזעער, וואָס
זאָלן נישט צופּסקנען איינעם ווינציקער און איינעם מער.

יז. און אַז דו וועסט אריבערגיין דעם ירדן און קומען אין דעם
לאַנד און וועסט עס אַרבן און דו וועסט דיך פאַרקוקן אויף
די פעלקער ארום דיר און וועסט זאָגן: איך וויל מאַכן א מלך
איבער מיר, איז, וויסן זאָלסטו וויסן, אז מיט א מלך איז גאָר־
נישט פריילעך.

זען זאָלסטו זען, אז סע זאָל דעם מלך נישט ענג ווערן די
ערד. און ער זאָל זיך נישט מערן קיין פערד. און אויך זילבער

און גאָלד זאָל ער זיך נישט מערן — ער זאָל נישט בגדולט ווערן. ער זאָל זיך נישט דערהייבן איבער זיינע ברידער. ער זאָל נישט מיינען, אַז ער איז אינדערהייך און זיי זענען אינ־דערנידער.

יח. און די ווערטער וועגן א מלך האָבן אין די קינדערס אויערן זיך צעקלונגען, און זיי האָבן אויפן אָרט א לידל פאַר־פאַסט און עס אויפגעזונגען:

מיט א מלך
איז גאָרנישט פריילעך.

ער טוט זיך אָן
א גילדענע קרוין
און מיינט, ער איז
א גאַנצער פאַרשוין.

האָבן די קינדער געוואָלט וויסן ווי אַזוי סע וועט זיין, ווען זיי וועלן קומען אין לאַנד אַריין. האָט איין קינד זיך אָנגערופן, אַז ער ווייסט פון איינעם, וואָס אזוי ווי ער טוט דאָס מויל אָן עפן, הייבט ער אָן צו טרעפן.

און זאָגן איז די קינדער געזאָגט געוואָרן, אזוי צו זאָגן: פונוואנען ווייסט עס יענער פאָרויסצוזאָגן און צו טרעפן? באַקלער און בארעכן!

א וואָרזאָגער, אָדער א טרעפער, אָדער א צויבערשפּרע־כער איז א שווינדלער, א ליגנער און מע דאַרף אים די ביינער צעברעכן.

יט. און די קינדער האָבן זיך געוואָלט א לאָז טון דורך אלע טויערן, יענעם טרעפּער אָנצודרייען די אויערן. האָט משה געפרעגט, ווער סע ווייסט, אז יענער איז א טרעפּער. האָט איינער זיך אָנגערופן, אז ער האָט געהערט. האָט משה גע־פרעגט: וואָס הייסט „געהערט"?

און משה האָט געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: „געהערט" האָט נישט קיין האַפּט, קיין ווערט.

און דערצו איז איינער — קיינער.

און סע זאָל נישט אויפשטיין איין עדות קעגן א מאַן — וועגן קיין שום פאַרברעכן — מיט געזאָגעכצער, מיט גערייד־דעס, נייערט באַשטימט זאָל די זאַך באַשטימט ווערן לויט דעם מויל פון צוויי אָדער פון דריי עדות.

כ. און געפעלן איז די קינדער געפעלן געוואָרן די זאַך, אַז איינער זאָל דעם אַנדערן נישט באַרעדן. זיי האָבן גע־וואָלט לעבן בשלום מיט יעדן.

איידער צו גיין אין מלחמה,
איז בעסער צו בויען א הויז.

איידער צו גיין אין מלחמה,
איז בעסער א גאָרטן צו פלאַנצן.

צו ווערן א חתן, א כלה —
ווען מע ווערט גרויס —

און פראווען חתונות
און שפילן און טאנצן.

כא. און דאָס פעלד זאָל זיין מיט גראָז באדעקט און נישט מיט בלוט באפלעקט.

די הענט זאָלן זיין ריין דערפון. דאָס לעבן — פול מיט פרייד, מיט זון.

שופטים פירן א משפט

כי תצא

כ י   ת צ א — אז דו וועסט אַרויסגיין.
אַז דו וועסט דיך אַנדערש נישט קענען אויסגיין.
אַז דיינע פיינט וועלן דיך נישט לאָזן צו רו, און דו וועסט דיך נישט קענען קיין עצה טון — אַזוי ווי נעכטן און היינט — און דו וועסט מוזן אַרויס אין מלחמה אַקעגן דיינע פיינט. געדענקען זאָלסטו געדענקען, וואָס מלחמה באַטייט און אויך אין מלחמה זאָלסטו דיך פירן ווי א לייט.
כ י   ת צ א — אַז דו וועסט ארויסגיין אין מלחמה אקעגן דיינע פיינט און סע וועט זיך מאַכן אַזוי, אַז דו וועסט פאַנגען א מאַן צי א פרוי און דו וועסט זיי ברענגען צו דיר אין געצעלט, זאָלסטו זיי נישט פאַרקויפן פאַר קיין געלט. ס'איז נישט איידל און נישט שיין, אַז דו זאָלסט באַלעבאַטעווען איבער זיי.

כב. האָט איין קינד א פרעג געטון, צי א מענטש קען ווערן געפאַנגען, ווי אַן אָקס זאָל האָבן פאַרבלאָנדזשעט, פאַרגאַנגען?
ער האָט אמאָל געטראָפן א ציגעלע לויפן און שרייען:

מע־ע־ע, מע־ע־ע! האָט ער זיך אָנגערופן: ציגעלע, ציגע־לע, קום נאָר אַ הער! האָט דאָס ציגעלע געמאַכט מיטן קאָפּ אויף ניין, האָט ער פאַרשטאַנען, אז סע האָט פאַרבלאָנדזשעט און סע וויל אַ היים.

און ער האָט גענומען דאָס ציגעלע און עס געפירט און געפירט, ביז ער האָט עס אַהיימגעפירט און ס'איז געוואָרן אַ גרויסע פרייד.

האָט אַ צווייט קינד זיך אָנגערופן, אַז ער האָט געטון ווי אין דער תורה שטייט:

אומקערן זאָלסטו אומקערן צו דיין ברודער — אויב דו ווייסט נאָר וואו ער וואוינט — אַלץ פון אים וואָס דו געפינסט, פון אַן אָקס ביז אַ קלייד.

און העלפן זאָלסטו העלפן דיין ברודער אויפשטעלן זיין אייזל, וואָס איז געפאַלן אין וועג.

און אַזוי זאָלסטו דיך פירן צו דיין ברודער — און צו אַ פלאַנץ און צו אַ פויגל — אין אַלע דיינע טעג.

און איין קינד האָט גענומען דערציילן, אז ער איז אַמאָל געגאַנגען אין וועג און אַזוי אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער דערזען אַ נעסט פון אַ פויגל. אַ נעסט פון אַ מוטער מיט פייגעלעך. און די מוטער זיצט אויף זיי, אַז מע זעט זיי נישט אַרוים די אייגעלעך.

האָט ער די פייגעלעך געוואָלט נעמען צו זיך אַ היים, צו געבן זיי עסן, טרינקען, מיט זיי זיך צו שפּילן. האָט ער צום־ערשטן אָפּגעלאָזט די מוטער, זי זאָל קיין צער נישט פילן, סע זאָל זי ביים האַרץ נישט פאַרקלעמען און דערנאָכדעם ערשט די קינדער צו נעמען.

און געפעלן איז אַלעמען דאָס געפעלן און אַלע האָבן זיך דערפרייט — ער האָט געטון ווי אין דער תורה שטייט.

כג. און דערמאנען האָבן די קינדער גענומען דערמאנען איי־נער דעם אַנדערן, וואָס זיי האָבן געלערנט אין וואַנדערן:

זאָלסט נישט איבערענטפערן אַ קנעכט צו זיין האַר, אַז ער וועט זיך ראַטעווען צו דיר. ביי דיר זאָל ער זיצן, וואו אים איז בעסער, און סע זאָל אים נישט פעלן קיין טרינקען און קיין עסן.

כד. און פאָטערס זאָלן נישט געשטראָפט ווערן פאַר קינ־דער און קינדער זאָלן נישט געשטראָפט ווערן פאַר פאָ־טערס. און שיין איז דאָס חלומען, דאָס האָפן, אַז מע זאָל קיי־נעם נישט שטראָפן.

כה. און זאָלסט נישט פאַרבינדן אַן אָקס דאָס מויל ווען ער דרעשט, כדי ער זאָל קענען טון אַ קיי.

און די קינדער האָבן גענומען איבערחזרן די תורה אויפ־דאָסניי. און וואָס עמלק האָט זיי געטון אונטערוועגנס, ווען זיי זענען פון מצרים געוואָרן באפרייט.

כי תבוא

כו. און ס'וועט זיין — כ י ת ב ו א — אז דו וועסט קומען אין דעם לאַנד אריין און זיך דאָרט באַזעצן, זאָלסטו איינפירן די־אַלע געזעצן.

זאָלסט נעמען פונעם ערשטן פון יעדער פרוכט פון דער ערד, וואָס גאָט האָט דיר באַשערט, און זאָלסט אויסרופן דיין פרייד און דיין לויב, אז איבער דער גאַנצער וועלט זאָל עס ווערן געהערט.

האָט זיך אויפגעשטעלט איינער און געזאָגט, אז ער קען אויסרופן בעסער פון אַלע. ער קען באַזאָגן א כלה. און איז אַרויף אויפן טיש און זיך געשטעלט אויף א שפּיץ און זיך אָנגעטון אויפן קאָפּ א רויטן מיץ, און אָנגעהויבן, ווי א מאַרשאַלעק, מיט א ניגון און מיט א וויץ.

זאָל נאָר, ברודער,
נישט זיין קיין גערודער,

וועלן מיר מאַכן א „לחיים"
און דערציילן יציאת מצרים.

מיין פאָטער, אַן ארמי,
האָט געגידערט קיין מצרים
מיט אַ הייפעלע מענטשן,
וואו געטאָגט דאָרט נישט גענעכטיקט,
און איז געוואָרן דאָרט אַ פאָלק —
אַ פאָלק, גרויס און מעכטיק.

און די מצרים האָבן אונדז שלעכטס געטון,
האָט זיי גאָט זייער רעכטס געטון
און אונדז פון זיי באַפרייט,
און ס'הייבט זיך אָן אַ נייע צייט.

און געפעלן איז דאָס די קינדער געפעלן געוואָרן און זיי האָבן אונטערגעהאָלפן און צוגעזונגען:

— נאָך באַפרייט —
אַ נייע צייט.

און זיי זענען ארויף אויפן טיש, אויפן שפיץ, אַראָפּצו־כאַפּן פון זיין קאָפּ דעם רויטן מיץ. און יעדער האָט עס גענו־מען ציען צו זיך אַביסל, איז פונעם מיץ געוואָרן אַ מיצל און — נאָך אַביסל און נאָך אַביסל האָבן זיי עס צעריסן אויף פּיצ־פּיצל.

כז. און די פּיצלעך האָבן זיי צונויפגעבונדן, געמאַכט אַ טיכל און קניפּלעך געצויגן, וועמען מע זאָל צובינדן די אויגן. צובינדן אַזוי, אז סע זאָל נישט זיין קיין שפּאַרקעלע אָפן און

ער זאָל זיך לאָזן צום באַרג גרזים און צום באַרג עיבל און מע זאָל זען צו וואָסער באַרג ער האָט געטראָפן.

כח. און ס'הייבט זיך אָן א מעשה מיט א ברכה און מיט א
קללה, מיט א בענטשן און מיט א שעלטן, זאָל דאָס
שעלטן פאַלן אויף אַלע וויסטע געצעלטן און דאָס בענטשן
— אויף די מענטשן.

גבענטשט וועסטו זיין אין שטאָט
און געבענטשט וועסטו זיין אין פעלד.
געבענטשט דיינע קינדער
וואָס קומען אויף דער וועלט.

און די פרוכט פון דיין ערד
און די געבורט פון דיינע רינדער,
די פרוכט פון דיין בהמה —
פון דער פי די קינדער.

געבענטשט וועסטו זיין
אין אַלץ וואָס דו וועסט טון,
און וועסט זיצן אין דיין לאנד
אין פרידן און אין רו.

כט. און משה האָט צונויפגערופן גאַנץ ישראל און האָט צו
זיי געזאָגט: די לאַנגע, שווערע נאַכט — די פערציק יאָר
וואָס איך האָב אייך געפירט, דורך דער מדבר — איז שוין

אַוועק, האַלט שוין ביים ברעג.

און אַצינד,
האָט ער צו זיי געזאָגט,

הייבט־אויף די אויגן,
דערזעט איר ווי סע טאָגט.

און די קינדער האָבן אויפגעבונדן דאָס טיכל פון יענעם קינד, וואָס האָט געהאַט צוגעבונדן די אויגן, כדי ער זאָל אויך זען ווי סע טאָגט.

משה בענטשט דאס פאלק ישראל

נצבים

נ צ ב י ם — איר שטייט. און משה האָט אזוי געזאָגט: איך האָב אייך געזאָגט, אז סע טאָגט און איר — איר שטייט. צי ווייסט איר וואָס אַצינדערט גייט?

און געענטפערט האָבן געענטפערט אלע — באַזונדער און אויפאמאָל — די הויפּטלייט, די עלצטע, די אויפזעערס, אלע מענער פון ישראל: און די קליינע קינדער און די ווייבער און דער פרעמדער, וואָס געפינט זיך אין לאגער, — פון א צוגעבער ביז אַן אָפּפרעגער, פון א האָלצהעקער ביז א וואַסערטרעגער, האָבן אַלע געענטפערט, אז זיי ווייסן וואָס אצינדערט גייט און זיי זענען דערצו גרייט.

אַלע שטייען היינט פאַר גאָט צו שליסן א בונד, צו ווערן דאָס פאָלק פון די צען געבאָט.

5. און דער טאָג איז געווען א שיינער, דער הימל — א לויטערער, א ריינער און די קינדער האָט זיך נישט געגלוסט צו בלייבן ביים לאגער, ביי דער טיר און זיי זענען אַוועק אויף א שפּאַציר.

און געגאנגען זענען זיי געגאנגען, נישט געוויינטלעך ווי

מע גייט, נייערט אין דער לענג און אין דער ברייט, און זיי האָבן זיך זייער צעשפּרייט.

און אינדערמיט איז אָנגעקומען א שטורעם און ס׳האָט זיך א בייט געטון דער דרויסן און די קינדער האָבן מורא געקריגן, אז זיי זאָלן נישט ווערן איינער פונעם אַנדערן פאַרוואָרפן און פאַרשטויסן. און ווי אַזוי וועלן זיי קענען קומען אין זייער לאַנד — האָבן זיי זיך דערמאָנט.

האָט זייער פירער, דער שפּאַצירער, צו זיי געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:

וועו איינער זאָל ערגעץ כאַפּן א דרימל,
אָדער ווען איינער זאָל פאַרוואָרפן ווערן אין עק הימל,
וועט עס אים אויך ברענגען צו טראָגן.

און אינמיטן די־אַלע רייד, אינמיטן אַזוי ווי מע גייט, האָט דער שטורעם אויפגעהערט
און דער הימל — אויסגעקלערט
און די ערד —
ווי אויסגעקערט.

האָבן די קינדער זיך אויסגעזעצט אין א ראָד און עטלעכע האָבן גענומען שפּילן אין „אום צי גראָד". און עטלעכע — אין „טאַטע, מאַמע, זון". און עטלעכע האָבן גערוט און גאָרנישט געטון. און עטלעכע האָבן זיך דערציילט מעשהלעך.

איין קינד האָט דערציילט פון א מילעכל, וואָס מ׳האָט געהאַט געברענגט דעם זיידן אברהם פאַר א שפּילעכל.

איין קינד האָט דערציילט, ווי די באָבע רבקה האָט מיט־

אַמאָל צווײ שלונג געטון, האָט זי דערפֿילט ווי בײ איר אין בויך האָט עפּעס צווײ שפּרונג געטון.

איין קינד האָט גענומען דערציילן, ווי דער טאַטע יעקב איז געקומען צו דער ברונע, האָט ער די מוטער רחל געפֿונען.

און אינמיטן האָבן עטלעכע קינדער פּלוצים זיך א קוק־אום געטון, צי מע זעט נישט קיין פֿייערדיקע שלאַנג, וואָס האָט געטראָפֿן דאָ נישט לאַנג.

און דער פֿירער, דער שפּאַצירער, האָט זײ געזאָגט, אז דאָ איז נישטאָ שוין קיין שלאַנג, דאָ איז שוין נאָענט פֿון לאַנד. און ער האָט זײ געזונגען א ליד פֿון א ייד, וואָס האלט אין וואַנדערן פֿון איין אָרט צום אַנדערן, — צו קומען אין לאַנד אַרײַן, וואָס גאָט האָט געשוואוירן צו זיינע עלטערן — צו אברהם, יצחק, יעקב — דאָס לאַנד צו געבן אויפֿן גאַנצן לעבן.

וילך

לא. און אַצינדערט איז ווידער געוואָרן נישט פריילער, ס'האָט
זיך אָנגעהויבן די סדרה וילך.

וילך — איז געגאַנגען. משה איז געגאַנגען.
אַז סע קומט די צייט פון גיין,
העלפט נישט קיין געוויין.

און משה האָט גערעדט צו גאַנץ ישראל און האָט צו זיי געזאָגט: נישט וויינט, נישט קלאָגט, אַ מאַן פון הונדערט און צוואַנציק יאָר בין איך היינט. איך קען נישט מער אַרויסגיין און נישט אַריינגיין. און גאָט האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל נישט אַריבערגיין דעם דאָזיקן ירדן, נייערט יהושוע וועט גיין אייך פאָרויס און דאָס לאַנד אייך מאַכן אַרבן.

און ווי משה האָט דערזען, אַז די קינדער פון ישראל קומען טרערן אין די אויגן, האָט ער דאָס רעדן זיינס לענגער נישט פאַרצויגן. ער האָט נאָר אַ זאָג געטון צו אַלע איינעם: זייט שטאַרק און פעסט, איר זאָלט נישט קיין מורא האָבן פאַר קיינעם, און גאָט וועט אייך נישט אָפּלאָזן און אייך נישט פאַרלאָזן.

און משה האָט גערופן יהושוען און האָט צו אים געזאָגט פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל: זיי שטאַרק און פעסט, וואָרום דו וועסט קומען מיט דעם דאָזיקן פאָלק אין דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט געשוואוירן זייערע עלטערן אמאָל. און אַצינדער וועסטו אַכטונג געבן אויף די קינדער. און זאָלסט זיי געבן, וואָס זיי ווילן ווילן. און וואָס זיי וועלן טון, זאָל דיר געפעלן.

און משה האָט אויפגעשריבן די תורה און האָט זי געגעבן צו אלע עלצטע פון ישראל און צו די כהנים, די קינדער פון לוי, וואָס טראָגן דעם אָרון פון גאָטס בונד, אַז דאָס זאָל די קינ־דער זיין צו געזונט. און משה האָט באַפוילן, אז וואָס די קינ־דער וועלן בעטן, זאָלן זיי פועלן.

און משה האָט געזאָגט, אזוי צו זאָגן: כדי די קינדער זאָלן אָפּגעהיט ווערן פון אלע פּלאָגן, און סע זאָל זיי נישט באַגע־גענען קיין גיפטיקע שלאַנג און קיין שום בייז אָנשיקעניש אין זייער גאַנג, וועל איך א געזאַנג אַריינטון אין זייער מויל, אויס־לערנען עס זיי טאַקע שוין, אַז וואָסער בייז זיי זאָל נישט טרעפן — אין שטוב צי אין פעלד, אויף באַרג צי אין טאָל — זאָלן זיי דאָס דאָזיקע געזאנג אויפזינגען, וועט דאָס בייז פאַר־שווינדן אויפן אָרט און מיטאַמאָל.

און משה האָט אויפגעשריבן דאָס דאָזיקע געזאנג, אין יענעם טאָג, און האָט עס אויסגעלערנט די קינדער פון ישראל.

און ס'איז אויסגעשטעלט געוואָרן א גרויסער כאָר און ס'איז איינגעטיילט געוואָרן ווער סע זאָל זינגען אליין און ווער — צו צווייִ, ווער העכער און ווער שטילער, ווער גרעבער און ווער דינער. ווי אזוי סע זאָל צוגיין דאָס גאַנצע זינגען, אז סע זאָל שיין קלינגען.

סע זאָל זיין אַ זינגען מיט געפיל,
און צוגעפּאַסט צו א שיינעם שפּיל.

און ס'איז געווען, ווי משה האָט געענדיקט אויפצושרייבן די תורה, אין א בוך, ביזן סוף, האָט ער באַפוילן, אז מע זאָל איינזאמלען אלע עלצטע פון די שבטים און אַלע אויפזעער און אַלע, וואָס האַלטן נאָך די אויגן אויף. און משה האָט איינגעזונגען מיט דער גאַנצער איינזאמלונג פון ישראל די ווערטער פון דעם דאָזיקן געזאַנג ביז זייער סוף.

האַזינו

לב. האַזינו — פאַרנעמט. משה האָט זיך געווענדט, אז ווער נאָר סע קען, ווער ס'האָט א געפיל און איז נישט איינגע־מידט, זאָל פאַרנעמען דאָס געזאַנג, דאָס דאָזיקע ליד.

און ווי משה האָט נאָר אָנגעהויבן, האָט אויפגעוואַכט דאָס געפיל ביי אלע און ביי יעדן.

האַזינו — פאַרנעמט,
פאַרנעמט, איר, הימלען
און איך וועל רעדן.
און זאָל הערן די ערד
די רייד פון מיין מויל.
מיין לערנונג זאָל טריפן ווי רעגן
און מיין וואָרט זאָל רינען ווי טוי.

און דער ייִנגערער דור און דער עלטערער דור, אַלע, אלע האָבן צוגעזונגען, געענטפערט אין כאָר:

מיר אַלע, מיר הערן

די רייד פון דיין מויל,
דיין לערע, וואָס טריפט ווי א רעגן
און דאָס וואָרט דיינס, וואָס רינט ווי דער טוי.

און משה האָט ווייטער געצויגן — מיט האַרץ און מיט געפיל — דאָס דאָזיקע געזאַנג, דאָס דאָזיקע ליד:

געדענק די טעג פון פאַרצייטן,
באַטראַכט פון דור־דורות די פלאָגן,
פרעג דיין פאָטער — ער זאָל דיר דערציילן,
דיינע אַלטע לייט — זיי זאָלן דיר זאָגן.

דאָס חלק פון גאָט איז זיין פאָלק,
יעקב — דאָס חלק, די טייל.
ה אַ ז י נ ו — פאַרנעמט,
פאַרנעמט מיינע רייד.

און דער יינגערער דור און דער עלטערער דור, אלע, אַלע האָבן צוגעזונגען, געענטפערט אין כאָר:

מיר אַלע, מיר הערן
די רייד פון דיין מויל,
דיין לערע, וואָס טריפט ווי א רעגן
און דאָס וואָרט דיינס, וואָס רינט ווי דער טוי.

אַלע, אלע האָבן געזונגען, נאָר אינדערמיט האָט עס עפּעס אויפגעהערט אַזוי שיין צו קלינגען. האָט משה גע־

פרעגט וואָס ס׳איז געשען און האָט באַלד דערזען, אַז איין קינד איז פּלוצים הייזעריק געוואָרן, ער האָט צו פיל געריסן דאָס קול.

און ווי משה האָט אַזוי דאָס קינד געפּרוּאווט און געפרעגט, איז אין אַ צווייט ווינקל אויסגעבראָכן אַ געשלעג. איין קינד האָט ביים צווייטן אויסגעכאַפּט אַ ווערבע־פייפל און געזאָגט, אַז ס׳איז זיין נאָך פון אַמאָל.

און איינגעשטילט און איינגענומען האָט משה איינעם און דעם אַנדערן און צו זיי געזאָגט, אַז סע זאָל זיך שוין נישט טרעפן מער אַזוינס, ווי ס׳האָט זיך געטראָפן אין וואַנדערן. און אַז זיי זאָלן זיין שטיל און אויפנעמען מיט געפיל, וועט ער מיט זיי ווייטער זינגען דאָס ליד.

און די קינדער האָבן געזאָגט, אַז יאָ. און ס׳האָט אָנגעהויבן דער באַס און דער טענאָר און ס׳איז אַוועק אַ געזאַנג. און די קינדער איז געווען אַ גרויסער שאַד, אַזוי באַנג, ווען משה האָט געענדיקט דאָס געזאַנג.

און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי און אַזוי: גיי אַרויף אויף דעם באַרג נבו און קוק־אָן פונדערווייטנס דאָס לאַנד כנען, וואָס איך גיב צו די קינדער פון ישראל פאַר אַן אַרב, קוק עס אָן איידער דו שטאַרבסט.

און משה האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט, אַז איידער ער גייט, — אַז אַצינדער — וויל ער בענטשן די קינדער.

וזאת הברכה

לג. וזאת הברכה — און דאָס איז די ברכה וואָס משה דער געטלעכער מאַן האָט געבענטשט די קינדער, ווען ער האָט זיך מיט זיי דאָס לעצטע מאָל באַגעגנט, ווען ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט.

נאָר איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס בענטשן, האָט זיך דערפילט אַן ענגשאַפט צווישן די מענטשן. און רעדן האָט מען גענומען רעדן צווישן זיך, אַז די וועלט די גאַנצע, אַלע באַשעפענישן און אַלע פלאַנצן, זענען געקומען, אַז אויך זיי זאָל משה בענטשן.

און די קינדער האָבן געזאָגט, אַז אויך די מלאכים זענען געקומען נאָך אַ ברכה.

און עמעצער האָט זיך אָנגעבויגן און אַרייַנגעקוקט, ווי דורך אַ שפּאַרע און אינדערשטיל אַ זאָג געטון: מאַכט אַ וואַרע.

און איינער האָט דעם אַנדערן, נאָך שטילער, איבער־געגעבן:

מאַכט אַ וואַרע.

מאַכט אַ וואַרע.

און ס'האָבן זיך גענומען הערן שטילע טריט, ווי מע וואָלט פערל געשיט.

און א זיס, שטיל געזאנג האָט פון מויל צו מויל גענומען זיך טראָגן, פון איינעם צום צווייטן גיין:

אברהם, יצחק, יעקב,
שרה, רבקה, רחל, לאה —
וועלן דיך
באַגלייטן גיין.

און משה האָט צוגערופן די קינדער נענטער צו זיך און זיי א פרעג געטון, אביסל אויף גיך, וואָס זיי ווילן, וואָס זיי פאַרלאַנגען, וועלן זיי דערגרייכן, דערלאַנגען.

האָט איין קינד א זאָג געטון: א תבה, אזא קאַסטן, צו קענען וואוינען אויפן וואַסער.

א צווייטער, א שטיפער, א שפּאַסער, האָט געזאָגט, אז ער וועט זאָגן צום לעצט, וואָרום ער האָט אַצינד מלאכים פאַר געסט.

א דריטער האָט געמאכט א גאַנצע גערעדע, אַז מע זאָל אים אויפבויען, מע זאָל אים אויפשטעלן, מע זאָל אים מאַכן אַן עקדה.

אַ פערטער האָט גערעדט, ווי פון א דרימל, אַז ער וויל אַ לייטער, וואָס דער שפּיץ זאָל גרייכן ביזן הימל.

א פינפטער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף שפּילן דעם שני למלך, פעלט אים נאָר אַ קרוין און — שוין.

און משה האָט ווידער געזאָגט צו די קינדער, אז זיי זאָלן

זאָגן, וואָס זיי ווילן, וואָס זיי פאַרלאַנגען, וועלן זיי דערגרייכן, דערלאַנגען.
האָט איין קינד געזאָגט: דעם שטעקן, וואָס ס'וואַקסט אויף אים מאַנדלען.

און א צווייטער — דעם זילבערנעם טרומייטער.
און א דריטער האָט פאַרלאַנגט די קופּערנע שלאַנג.

און איינער האָט אַ זאָג געטון, אָן מורא, אַז ער וויל דאָס חומש, די תורה.

און איינער האָט, פאַרקלערט און פאַרחלומט, אַרויסגע־זאָגט זיין פאַרלאַנג:
אַז סע זאָל זיך נישט ענדיקן דאָס געזאַנג.

און ס'האָט זיך דערהערט א דין, שטיל ברומען.
און משה האָט ארויפגעלייגט די הענט אויף זייערע קעפּ און האָט אָנגעהויבן, ווי א געבעט:

גאָט איז פון סיני געקומען.

און ווי משה האָט זיי אָנגעהויבן צו בענטשן, איז נאָך ענגער געוואָרן די ענגשאפט צווישן די מענטשן. און ס'איז איינגעשטילט געוואָרן דאָס ברומען, און מ'האָט גענומען רעדן צווישן זיך, אַז אַלע שבטים פון ישראל זענען געקומען.

און דאָס זיסע, שטילע געזאנג האָט ווידער פון מויל צו מויל גענומען זיך טראָגן, פון איינעם צום צווייטן גיין:

אבֿרהם, יצחק, יעקבֿ,
שׂרה, רבֿקה, רחל, לאה —
וועלן דיך
באַגלייטן גיין.

לד. און משה איז ארויפגעגאנגען אויף דעם באַרג נבֿו — און
גאָט האָט אים געוויזן דאָס גאַנצע לאנד — און משה איז
געשטאָרבן מיט אַ קוש פון גאָטס מויל.
און די קינדער פון ישׂראל האָבן באַוויינט משהן דרייסיק
טעג — באַוויינט און באַקלאָגט.
און קיין מענטש ווייסט נישט פון משהס קבֿר, ביז צום
היינטיקן טאָג.
און ס'איז נישט אויפגעשטאַנען נאָך אַזאַ נבֿיא ווי משה,
נישט פריער און נישט דערנאָך און נישט קיינמאָל — וואָס
משה האָט באַוויזן פאַר די אויגן פון גאַנץ ישׂראל.

ביכער פון אביגדור שפּריצער

איוב — דראַמאַטישע פּאָעמע אין 4 אַקטן, דערשינען אין לעמבערג, 1926. הויפּטפאַרקויף: פאַרלאַג ב. א. קלעצקין, וואַרשע (אויספאַרקויפט).

רות — דראַמאַטישע פּאָעמע אין 3 אַקטן, דערשינען אין בוענאָס איירעס, 1933.

מאָרגנפרייד — קינדער־מעשות, בוענאָס איירעס 1936.

צידעלע פידעלע — מעשהלעך־לידלעך, ב. איירעס, 1937.

דער גאָלדענער פאָדעם — דערציילונגען, בוע־נאָס איירעס, 1944.

חומש — אין מעשהלעך פאַר קינדער — בוענאָס איי־רעס, 1948.

פ א ר ש ו ל :

(צוזאַמען מיט ז. וו. און אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג ג. קאַפּלאַנסקי, בוענאָס איירעס)

נייע קוואַלן — כרעסטאָמאַטיע פאַרן 3־טן לערניאָר, דערשינען אין 1935.

נייע קוואַלן — כרעסטאָמאַטיע פאַרן 2־טן לערניאָר, דערשינען אין 1936.

Este libro se acabó de imprimir el día 15 *de Enero de* 1948, *en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes número* 1976, *Bs. Aires, República Argentina*